## זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגָא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב **יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בִּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

עִם פֵּירוּשׁ

## שְׂפָתַי תִּפְתָּח

אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55 Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# הספר הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת מאור
עינינו, חיות נפשינו, עטרת
ראשינו, כבוד קדושת
מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה

נלב"ע י"ז שבט תשע"ה

ת.נ.צ.ב.ה.

# הספר הקדוש הזה

## נדפס לזכות
## מורינו ראש הישיבה שליט"א

וזוגתו

## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם

## שלמה ומשפ',
## אלחנן חיים ומשפ',
## מרים העניא זיסל ומשפ',
## שמעון ומשפ',
## נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לדוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# הַקְדָמָה

דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לוּיטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הויבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל אוּן מֶען הויבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אויפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוּיט אויף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרויסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַּחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ אוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אויף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִּיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אויךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אויפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

# ה

## בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי וְכוּ' (תְּהִלִּים צ"ח)

**א כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לוֹמַר: כָּל הָעוֹלָם לֹא נִבְרָא אֶלָּא בִּשְׁבִילִי** (סַנְהֶדְרִין לז.). **נִמְצָא כְּשֶׁהָעוֹלָם נִבְרָא בִּשְׁבִילִי, צָרִיךְ אֲנִי לִרְאוֹת וּלְעַיֵּן בְּכָל עֵת בְּתִקּוּן הָעוֹלָם. וּלְמַלְּאוֹת חֶסְרוֹן הָעוֹלָם, וּלְהִתְפַּלֵּל בַּעֲבוּרָם.**

**וְעִנְיַן הַתְּפִלָּה הֵן בִּשְׁנֵי פָּנִים. הַיְנוּ קֹדֶם גְּזַר דִּין מִתְפַּלְלִין כְּסֵדֶר הַתְּפִלָּה,**

**ה בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי וְכוּ'** (תְּהִלִּים צח, ו)

**א כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לוֹמַר** יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זָאגְן, 'כָּל הָעוֹלָם לֹא נִבְרָא' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן פַּאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ - 'אֶלָּא בִּשְׁבִילִי' נָאר פַּאר מִיר. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): 'חַיָּיב אָדָם לוֹמַר' אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּב צוּ זָאגְן, 'בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט נָאר פַּאר מִיר.

**נִמְצָא** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה, כְּשֶׁהָעוֹלָם נִבְרָא בִּשְׁבִילִי אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַאפְן נָאר פַּאר מִיר, צָרִיךְ אֲנִי לִרְאוֹת וּלְעַיֵּן דַארְף אִיךְ זֶען אוּן זִיכֶער מַאכְן, בְּכָל עֵת אַ גַאנְצְן צַייט, בְּתִקּוּן הָעוֹלָם אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין פַארְרִאכְטְן; אִיךְ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, וַוייל מִיט יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס אִיךְ טוּ - בִּין אִיךְ גּוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט זָאל חָרוּב וֶוערְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין מ:): 'עָשָׂה מִצְוָה אַחַת' אַז מֶען טוּט אַ מִצְוָה, 'אַשְׁרָיו' אִיז מֶען גֶעלוֹיבְּט, 'שֶׁהִכְרִיעַ אֶת עַצְמוֹ וְאֶת כָּל הָעוֹלָם לְכַף זְכוּת' וַוייל מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעוָואוֹיגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ דִי גוּטֶע זַייט, מֶען אִיז גּוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיּוּם, 'עָבַר עֲבֵירָה אַחַת' אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה - 'אוֹי לוֹ' וֵויי אִיז צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ; 'שֶׁהִכְרִיעַ אֶת עַצְמוֹ וְאֶת כָּל הָעוֹלָם לְכַף חוֹבָה' וָואס עֶר אִיז גּוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט זָאל חָרוּב וֶוערְן.

**אוּן** אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר - דַארְף אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וּלְמַלְּאוֹת חֶסְרוֹן הָעוֹלָם אָנְצוּפִילְן דִי וֶועלְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, וּלְהִתְפַּלֵּל בַּעֲבוּרָם אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִי וֶועלְט.

**וֶוען** מֶען הֶערְט עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס, מֶען הֶערְט מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער צָרוֹת; אוֹיבּ אִיז דָאס אַלֶעס וֶועגְן מִיר, דָאס הֵייסְט אִיךְ לֶעבּ מִיט דִי מַחֲשָׁבָה אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פַּאר מִיר בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן, אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז עֶס אִיז דָא צָרוֹת, מֶענְטְשְׁן לַיידְן, קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי לַיידְן וֶועגְן מִיר; דַארְף אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער וִוי בִּיז אַהֶער.

**וְעִנְיַן** הַתְּפִלָּה דָאס דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הֵן בִּשְׁנֵי פָּנִים גֵייט אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, הַיְנוּ קֹדֶם גְּזַר דִּין אוֹיבּ אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן דִי גְּזַר דִּין - מִתְפַּלְלִין כְּסֵדֶר הַתְּפִלָּה דַאוֶוענְט מֶען אוֹיף דִי גֶעהֶערִיגֶע וֶועג, מֶען בֶּעט דֶעם

אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף אידן און חס ושלום נישט ברענגען קיין שלעכטע גזירות אויף מיר, אויף אידן און אויף די גאנצע וועלט, וְאֵין צָרִיךְ לְהַלְבִּישׁ הַתְּפִלָּה און עס פעלט נישט אויס צו באהאלטן די תפלות, כאילו מען בעט נישט א תפלה נאר מען דערציילט סתם א מעשה, אֲבָל לְאַחַר גְּזַר דִּין אבער אויב מען האלט שוין נאכן גזר דין, צָרִיךְ לְהַלְבִּישׁ הַתְּפִלָּה דארף מען באהאלטן די תפלות, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבִינוּ הַמַּלְאָכִים הָעוֹמְדִים לִשְׂמֹאל אז די מלאכים וואס שטייען אויף די לינקע זייט, די מלאכים פון מדת גבורה און דין - זאלן נישט אויפכאפן און פארשטיין אז מען בעט תפלות צו מבטל זיין די גזירה, וְלֹא יְקַטְרְגוּ און זיי זאלן נישט צעשטערן די תפלה, דעריבער דארף מען בעטן די תפלות אויף א פארשטעלטע וועג, כאילו מען דערציילט מעשיות.

**וְאֵין צָרִיךְ לְהַלְבִּישׁ הַתְּפִלָּה, אֲבָל לְאַחַר גְּזַר דִּין צָרִיךְ לְהַלְבִּישׁ הַתְּפִלָּה, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבִינוּ הַמַּלְאָכִים הָעוֹמְדִים לִשְׂמֹאל, וְלֹא יְקַטְרְגוּ. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דָּנִיֵּאל ד): "בִּגְזֵרַת עִירִין פִּתְגָּמִין", הַיְנוּ לְאַחַר גְּזַר דִּין, אֲזַי "בְּמַאֲמַר קַדִּישִׁין שְׁאֶלְתִּין", אֲזַי הַצַּדִּיקִים מַלְבִּישִׁים שְׁאֵלָתָם בְּמַאֲמָר:**

**און** אזוי איז יעדע מאל ווען א מענטש בעט דעם אייבערשטן זיינע תפלות, אויב איז נאכנישט נגזר געווארן א גזר דין, איז מען דן דעם מענטש צי ער איז ראוי מען זאל אננעמען זיינע תפלות; דער מלאך מיכאל איז מלמד זכות און דער סמ"ך מ"ם איז מלמד חוב, אבער נאכן גזר דין איז שוין דא א גרויסע קטרוג אויפן מענטש און עס איז זייער שווער גערעטעוועט צו ווערן, דעמאלט דארף מען מתפלל זיין מיט חכמה, כאילו מען דערציילט א מעשה, און אין די מעשה אריינלייגן תפלות, אז די שלעכטע מלאכים וואס ווילן ברענגען שלעכטס - זאלן נישט אויפכאפן אז מען וויל צעשטערן די גזירה. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אזוי ווי עס שטייט (דָּנִיֵּאל ד, יד), נבוכדנצר האט זיך געחלום'ט די שלעכטע חלום ווי עס איז נגזר געווארן אויף אים די גזירה, 'בִּגְזֵרַת עִירִין פִּתְגָּמִין' מיט די גזירה פון די מלאכים איז די רייד נגזר געווארן, 'בְּמַאֲמַר קַדִּישִׁין שְׁאֶלְתִּין' מיט די רייד פון די מלאכים איז די גזירה; לכאורה איז דער פסוק א דאפלט לשון, איז דער רבי מגלה נאך א פשט; וואס טוט מען ווען עס איז 'בִּגְזֵרַת עִירִין פִּתְגָּמִין', ווען די מלאכים ווייסן שוין פון די גזירה? הַיְנוּ לְאַחַר גְּזַר דִּין מען האלט שוין נאכן גזר דין, אֲזַי דעמאלט איז די עצה - 'בְּמַאֲמַר קַדִּישִׁין שְׁאֶלְתִּין' בְּמַאֲמַר קַדִּישִׁין שְׁאֶלְתִּין, אֲזַי הַצַּדִּיקִים די צדיקים זענען מתפלל אויף א וועג מען זאל נישט אויפפאסן אז זיי בעטן, מַלְבִּישִׁים שְׁאֵלָתָם בְּמַאֲמָר זיי פארשטעלן זייערע געבעטן אין מעשיות, און נאר דער אייבערשטער, דער יודע מחשבות - ווייסט אז דאס איז תפלות, און אזוי זענען זיי מבטל די גזירה.

**ב אֲבָל אֵיךְ יַדְעִינָן בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין בֵּין לְאַחַר גְּזַר דִּין — עַל־יְדֵי הַמִּצְוֹת שֶׁאָנוּ עוֹשִׂים, יְכוֹלִין אֲנַחְנוּ לֵידַע בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין לְאַחַר גְּזַר דִּין. וְדַוְקָא כְּשֶׁעוֹשִׂין הַמִּצְוֹת בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁאֵין רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא, אֶלָּא הוּא רוֹצֶה שֶׁיַּזְמִין לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מִצְוָה אַחֶרֶת בִּשְׂכַר מִצְוָה זֹאת, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם**

ב

**אֲבָל** אָבֶער אוֹיב אַזוֹי, אַז עֶס אִיז דָא צְוַויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאךְ דִי גְּזַר דִּין דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען אַ בַּאהַאלְטֶענֶע דַאוֶוענֶען, **אֵיךְ יַדְעִינָן** ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן, **בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין** אוֹיב מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גוֹזֵר גֶעוֶוען אִין הִימְל דִי גְזֵירָה, **בֵּין לְאַחַר גְּזַר דִּין** אָדֶער מֶען הָאט שׁוֹין יָא גוֹזֵר גֶעוֶוען אִין הִימְל דִי גְזֵירָה - צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען זָאל דַאוֶוענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער? **עַל יְדֵי הַמִּצְוֹת שֶׁאָנוּ עוֹשִׂים** דוּרְךְ דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן, **יְכוֹלִין אֲנַחְנוּ לֵידַע** קֶענֶען מִיר ווִיסְן, **בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין** אוֹיב מֶען שְׁטֵייט אֵיידֶער דִי גְזֵירָה, **לְאַחַר גְּזַר דִּין** אָדֶער נָאךְ דִי גְזֵירָה. **וְדַוְקָא** אָבֶער נָאר **כְּשֶׁעוֹשִׂין הַמִּצְוֹת** וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוֹת, **בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה כָּל כָּךְ** מִיט גְרוֹיס פְרֵיילִיכְקֵייט, מֶען הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע חִיוּת פוּן דִי מִצְוָה, מֶען פְרֵייט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן - **עַד שֶׁאֵין רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא** בִּיז מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין בַּאלוֹינוּנְג אוֹיף דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, **אֶלָּא הוּא רוֹצֶה** נָאר מֶען ווִיל **שֶׁיַּזְמִין לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִצְוָה אַחֶרֶת** אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל מְזַכֶּה זַיין מִיט נָאךְ אַ מִצְוָה - **בִּשְׂכַר מִצְוָה זֹאת** דָאס זָאל זַיין דִי שְׂכַר.

ווַייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן טוּן דִי מִצְוֹת אִיז - אַז מֶען זָאל צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה, מֶען זָאל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶועלְן קַיין שְׂכַר, נִישְׁט וֶועלְן קַיין עוֹלָם הַבָּא, נָאר וֶועלְן בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט צוּ קֶענֶען טוּן נָאךְ מִצְוֹת, אוּן דָאס אִיז דִי עוֹלָם הַבָּא, אַז מֶען קֶען טוּן מִצְוֹת, דֶעמָאלְט ווֶערְט מֶען נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר זַיין תַּלְמִיד (הוּבָא בְּהַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים), אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסְן אוֹצָר, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען מְבַטֵּל זַיין אַלֶע גְזֵירוֹת. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יד, יז): 'אִם מָסַרְתָּ עַצְמְךָ עַל הַמִּצְוֹת' אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ טוּט דִי מִצְוֹת מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, מִיט דִי גַאנְצֶע חִיוּת, 'אַתָּה תַעֲמֹד וּתְבַקֵּשׁ רַחֲמִים עַל הַגְּזֵרָה לְבַטְּלָהּ' וֶוען עֶר וֶועט מִתְפַּלֵּל זַיין אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי גְזֵירָה, 'וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַטְּלָהּ בִּזְכוּתְךָ' וֶועט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵרָה אִין זַיין זְכוּת.

**כְּמַאֲמַר** חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): 'שְׂכַר מִצְוָה' דִי שְׂכַר פוּן אַ מִצְוָה אִיז, אַז

לִבְרָכָה (אָבוֹת ד): 'שְׂכַר מִצְוָה־מִצְוָה', כִּי הוּא נֶהֱנֶה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ.

**וְזֶהוּ** הַחִלּוּק שֶׁבֵּין נְבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ לְבֵין נְבוּאַת שְׁאָר נְבִיאִים, כְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י: "וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת וְכוּ' זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה'" (בַּמִּדְבָּר ל, ב), פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: כָּל הַנְּבִיאִים נִתְנַבְּאוּ בְּ"כֹה אָמַר ה'", נוֹסַף עֲלֵיהֶם מֹשֶׁה, שֶׁהִתְנַבֵּא: בְּ"זֶה הַדָּבָר". כִּי בְּחִינַת "כֹּה" הוּא אַסְפַּקְלַרְיָא שֶׁאֵינָהּ מְאִירָה, וְ"זֶה הַדָּבָר" הוּא בְּחִינַת אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה.

**וְאֵלּוּ** הַשְׁתֵּי בְּחִינוֹת נְבִיאוֹת יֵשׁ בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא. יֵשׁ אָדָם הָעוֹשֶׂה הַמִּצְוָה בִּשְׂכַר עוֹלָם הַבָּא, שֶׁאֵינוֹ נֶהֱנֶה

פון הימל העלפט מען דעם מענטש וואס האט געטון א מצוה - 'מִצְוָה', מִצְוָה, מען איז אים מְזַכֶּה צו קענען טון נאך אַ מִצְוָה, אים צו בַּאצָאלְן אויף ביידע מִצְוֹת; דער רבי טייטשט נאך טיפער: 'שְׂכַר מִצְוָה, מִצְוָה' דער צַדִּיק ווען ער טוט אַ מִצְוָה וויל ער גארנישט, ער דארף נישט קיין שְׂכַר, ער וויל נאר קענען טון נאך אַ מִצְוָה, **כִּי הוּא נֶהֱנֶה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ** ווייל ער האט הֲנָאָה פון די מִצְוָה אליין.

**משֶׁה** רַבֵּינוּ האט זוכה געווען צו די מַדְרֵיגָה, דינען דעם אייבערשטן אן וועלן באקומען שְׂכַר, נאר וועלן טון די ווילן פונעם אייבערשטן, **וְזֶהוּ הַחִלּוּק שֶׁבֵּין נְבוּאַת משֶׁה רַבֵּנוּ לְבֵין נְבוּאַת שְׁאָר נְבִיאִים** און דאס איז דער חילוק צווישן די נְבוּאָה פון משֶׁה רַבֵּינוּ צו די נְבוּאָה פון אַנְדערע נְבִיאִים, **כְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י** אַזוי ווי רַשִׁ"י זאגט אויפן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ל, ב) 'וַיְדַבֵּר משֶׁה אֶל רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת וְכוּ', זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה', פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י זאגט רַשִׁ"י: **כָּל הַנְּבִיאִים נִתְנַבְּאוּ** אַלע נְבִיאִים ווען זיי האבן נְבוּאָה געזאגט, ב'כֹה אָמַר ה'' האבן זיי געזאגט די נְבוּאָה מיט די ווערטער 'אזוי זאגט דער אייבערשטער', **נוֹסַף עֲלֵיהֶם משֶׁה** אבער משֶׁה רַבֵּינוּ האט געהאט מער פון זיי, **שֶׁהִתְנַבֵּא** ער האט נְבוּאָה געזאגט **בְּ'זֶה הַדָּבָר'** מיט די ווערטער 'פִּינְקְטְלִיךְ אַזוי זאגט דער אייבערשטער'; וואס איז די חילוק פון 'כֹּה' און 'זֶה'? **כִּי בְּחִינַת 'כֹּה'** ווייל ווען דער נָבִיא זאגט 'כֹּה אָמַר ה'' איז דאס נישט אַזאַ קלארע נְבוּאָה, **הוּא** עס איז, **אַסְפַּקְלַרְיָא שֶׁאֵינָהּ מְאִירָה** אזוי ווי אַ שְׁפִּיגְל וואס שַׁיינְט נִישְׁט, **וְ'זֶה הַדָּבָר'** און ווען דער נָבִיא זאגט די נְבוּאָה מיט די ווערטער 'זֶה הַדָּבָר', **הוּא** איז דאס, **בְּחִינַת אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה** ווי אַ שְׁפִּיגְל וואס שַׁיינְט.

**וְאֵלּוּ הַשְׁתֵּי בְּחִינוֹת נְבִיאוֹת** און אזוי ווי עס איז דא צְוויי מַדְרֵיגוֹת אין נְבוּאָה, ביי איינעם איז די נְבוּאָה קְלָאר, און ביי איינעם איז דאס נישט אַזוי קְלָאר, אַזוי אויך **יֵשׁ בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא** איז ביים דינען דעם אייבערשטן, **יֵשׁ אָדָם הָעוֹשֶׂה הַמִּצְוָה** עס איז פאַרהאן איינער וואס טוט די מִצְוֹת **בִּשְׂכַר עוֹלָם הַבָּא** ווייל ער דארף שְׂכַר אין עוֹלָם הַבָּא, **שֶׁאֵינוֹ נֶהֱנֶה** ער האט נישט קיין

מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ, **אִלּוּ לֹא** הָיוּ נוֹתְנִין לוֹ עוֹלָם **הַבָּא** בִּשְׂכָרָהּ, **לֹא** הָיָה עוֹשֶׂה אוֹתָהּ, וְזֶה בְּחִינַת "כֹּה", אַסְפַּקְלַרְיָא שֶׁאֵינָהּ מְאִירָה. כְּמוֹ אָדָם שֶׁרוֹאֶה אֵיזֶה דָּבָר מֵרָחוֹק, כֵּן הוּא עוֹשֶׂה הַמִּצְוָה בִּשְׁבִיל שְׂכָרָהּ **הַבָּא** לְעֵת רָחוֹק, הַיְנוּ אַחַר עוֹלָם הַזֶּה.

**וְשִׁלּוּם** שָׂכָר נִקְרָא בְּשֵׁם נָבִיא, כִּי רָאשֵׁי תֵּבוֹת שֶׁל: יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו, וְשָׁם בַּפָּסוּק הַזֶּה נִרְמָז עַל שִׁלּוּם שָׂכָר (תְּהִלִּים קכ"ו): "הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה נוֹשֵׂא מֶשֶׁךְ הַזָּרַע", שֶׁמִּצְטַעֵר

הַנָּאָה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיין, עֶר שְׁפִּירְט נָאכְנִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר טוּט דִי מִצְוֹת וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז בַּיים סוֹף וֶועט מֶען אִים בַּאלוֹינֶען, **אִלּוּ לֹא** הָיוּ נוֹתְנִין לוֹ עוֹלָם **הַבָּא** בִּשְׂכָרָהּ אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט – **לֹא** הָיָה עוֹשֶׂה אוֹתָהּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעטוּן דִי מִצְוָה, וְזֶה בְּחִינַת 'כֹּה' דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דִי נְבִיאִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען דִי נְבוּאָה אַזוֹי קְלָאר, **אַסְפַּקְלַרְיָא** שֶׁאֵינָהּ מְאִירָה נָאר אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיגְל וָואס שַׁיינְט נִישְׁט; כְּמוֹ אָדָם שֶׁרוֹאֶה אֵיזֶה דָּבָר מֵרָחוֹק אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט עֶפֶּעס פוּן דֶערְוַוייטְנְס – כֵּן הוּא עוֹשֶׂה הַמִּצְוָה בִּשְׁבִיל שְׂכָרָהּ **הַבָּא** אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס טוּט מִצְוֹת צוּ בַּאקוּמֶען שָׂכָר, יֶעצְט זֶעט עֶר נִישְׁט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי מִצְוֹת, יֶעצְט אִיז אִים טוּנְקְל, עֶר טוּט דִי מִצְוֹת נָאר צוּלִיבּ שְׁפֶּעטֶער, לְעֵת רָחוֹק פַאר אַ וַוייטֶע צַייט הַיְנוּ אַחַר עוֹלָם הַזֶּה דָאס הֵייסְט פַאר יֶענֶע וֶועלְט.

**וְשִׁלּוּם** שָׂכָר דָאס בַּאצָאלְן שָׂכָר אוֹיף מִצְוֹת, נִקְרָא בְּשֵׁם **נָבִיא** וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן וָוארְט נָבִיא, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן נְבוּאָה אִיז – אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ו, א): 'וָאֶרְאֶה אֶת ה'' – זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי שְׁטַארְק, כְּאִילוּ מֶען זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי שָׂכָר וָואס מֶען בַּאקוּמְט פַארְן טוּן דִי מִצְוֹת; וַוייל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן מִצְוֹת, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען טוּט דִי מִצְוֹת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט – שַׁיינְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גִלּוּי שְׁכִינָה, אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט נָאכְנִישְׁט אוּן שְׁפִּירְט נָאכְנִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיגְל וָואס שַׁיינְט נָאכְנִישְׁט, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שַׁיינֶען.

**כִּי** רָאשֵׁי תֵּבוֹת שֶׁל וַוייל דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי פָּסוּק **יָ**בֹא **בְ**רִנָּה **נֹ**שֵׂא **אֲ**לֻמֹּתָיו, **יָ**'בֹא **בְ**'רִנָּה **נֹ**'שֵׂא **אֲ**'לֻמֹּתָיו – אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נָבִי"א, וְשָׁם בַּפָּסוּק הַזֶּה אִין יֶענֶעם פָּסוּק, נִרְמָז רֶעדְט מֶען, עַל שִׁלּוּם שָׂכָר פוּן בַּאצָאלְן שָׂכָר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קכו, ו): 'הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה' עֶר גֵייט אוּן וַויינְט, 'נוֹשֵׂא מֶשֶׁךְ הַזָּרַע' דֶער וָואס טְרָאגְט דִי זוֹמֶען צוּם אַיינְזֵייעֶן, אַזוֹי אוֹיךְ זֵייעֶן דִי אִידְן אִין גָלוּת דִי מִצְוֹת מִיט טְרֶערְן,

**בַּעֲשִׂיָּתָהּ, "בֹּא יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו", שֶׁיִּשְׂמַח לֶעָתִיד, כְּשֶׁיְּקַבֵּל שְׂכַר הַמִּצְוֹת. רָאשֵׁי תֵבוֹת שֶׁל יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו, רָאשֵׁי־תֵבוֹת נָבִיא.**

**אֲבָל נָבִיא שֶׁמִּתְנַבֵּא בְּ"זֶה הַדָּבָר", שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה בִּשְׂכַר הַמִּצְוֹת, אֶלָּא רוֹצֶה בַּמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ, שֶׁהוּא מְשַׂמֵּחַ כָּל כָּךְ בַּעֲשִׂיָּתָהּ, עַד שֶׁמְּמָאֵס בְּכָל מִין שָׂכָר, נִמְצָא שֶׁעוֹלָם הַבָּא שֶׁלּוֹ בְּהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ. וְזֶה בְּחִינַת נָבִיא, הַיְנוּ שִׁלּוּם שָׂכָר, בִּבְחִינַת: "זֶה הַדָּבָר", בִּבְחִינַת אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה, כְּמוֹ אָדָם הָרוֹאֶה דָּבָר מִקָּרוֹב בִּרְאִיָּה יָפָה וּבָרָה, כְּמוֹ כֵן הוּא נֶהֱנֶה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ, וּשְׂכָרוֹ נֶגֶד עֵינָיו.**

**וּמִי שֶׁהוּא בַּמַּדְרֵגָה הַזֹּאת, שֶׁעוֹשֶׂה הַמִּצְוָה בְּשִׂמְחָה**

**שֶׁמִּצְטַעֵר בַּעֲשִׂיָּתָהּ** בַּיים טוּן דִי מִצְוָה הָאט עֶר צַעַר, **'בֹּא יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו'** און עֶר קוּמְט מִיט פְרֵייד בַּיים צאַמְנֶעמֶען די בִּינְטְלֶעךְ תְּבוּאָה, **שֶׁיִּשְׂמַח לֶעָתִיד** דָאס הֵייסְט אַז שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן, **כְּשֶׁיְּקַבֵּל שְׂכַר הַמִּצְוֹת** וֶוען עֶר וֶועט בַּאצָאלְט ווערְן פַאר די מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, און דָאס אִיז דָא מְרוּמָז, **רָאשֵׁי תֵּבוֹת שֶׁל יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו**, אִין די אָנְהוֹיבּ פוּן די וֶוערְטֶער פוּן די פָּסוּק יָ'בֹא בְּ'רִנָּה נֹ'שֵׂא אֲ'לֻמֹּתָיו – **רָאשֵׁי תֵבוֹת נָבִיא** אִיז דָא די וָוארְט נָבִיא.

**אֲבָל נָבִיא** אָבֶער דֶער נָבִיא **שֶׁמִּתְנַבֵּא בְּ'זֶה הַדָּבָר'** וָואס זֶעט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים, **שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה בִּשְׂכַר הַמִּצְוֹת** עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין שָׂכָר אוֹיף די מִצְוֹת, **אֶלָּא רוֹצֶה בַּמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ** נָאר עֶר ווִיל טוּן נָאךְ אַ מִצְוָה, **שֶׁהוּא מְשַׂמֵּחַ כָּל כָּךְ בַּעֲשִׂיָּתָהּ** עֶר פְרֵייט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט די מִצְוֹת אַלֵיין, **עַד שֶׁמְּמָאֵס** בִּיז עֶר פַארֶעקֶלְט זִיךְ, **בְּכָל מִין שָׂכָר** פוּן יֶעדֶע סָארְט בַּאלוֹינוּנְג, **נִמְצָא שֶׁעוֹלָם הַבָּא שֶׁלּוֹ בְּהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ** עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט די מִצְוָה אַלֵיין, בַּיי אִים אִיז דָאס טוּן די מִצְוָה זַיין שָׂכָר, דָאס אִיז זַיין עוֹלָם הַבָּא, **וְזֶה בְּחִינַת נָבִיא** און דָאס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִינֶעם וָוארְט נָבִיא, **הַיְנוּ שִׁלּוּם שָׂכָר** וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף בַּאצָאלְן שָׂכָר (ווִי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט, די רָאשֵׁי תֵיבוֹת יָ'בֹא בְּ'רִנָּה נֹ'שֵׂא אֲ'לֻמֹּתָיו), **בִּבְחִינַת 'זֶה הַדָּבָר'** אוֹיף אַן אוֹפֶן אַז עֶר שְׁפִּירְט די שָׂכָר אִין די מִצְוָה אַלֵיין, **בִּבְחִינַת אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה** בַּיי אִים שַׁיינְט די אֱמוּנָה ווִי אַ קְלָארֶע שְׁפִּיגְל, **כְּמוֹ אָדָם הָרוֹאֶה דָּבָר מִקָּרוֹב** אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט אַ זַאךְ פוּן דֶער נָאנְט, **בִּרְאִיָּה יָפָה וּבָרָה** מֶען זֶעט עֶס קְלָאר אוּן שֵׁיין, **כְּמוֹ כֵן** אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס פְרֵייט זִיךְ מִיט די מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, **הוּא נֶהֱנֶה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ** דֶער הָאט הֲנָאָה פוּן די מִצְוֹת, **וּשְׂכָרוֹ נֶגֶד עֵינָיו** עֶר קוּקְט אָן די מִצְוֹת ווִי די גְרֶעסְטֶע בַּאלוֹינוּנְג, עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע שְׂכַר.

**וּמִי שֶׁהוּא בַּמַּדְרֵגָה הַזֹּאת** און ווער עֶס אִיז בַּיי די מַדְרֵיגָה, **שֶׁעוֹשֶׂה הַמִּצְוָה**

גְּדוֹלָה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁאֵין רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא בִּשְׁבִילָהּ, הוּא יָכוֹל לֵידַע בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין לְאַחַר גְּזַר דִּין. כִּי הַמִּצְווֹת הֵם קוֹמָה שְׁלֵמָה, וְהֵם מְחַיִּין אֶת כָּל הַקּוֹמוֹת, הֵן קוֹמַת אָדָם, הֵן קוֹמַת עוֹלָם, הֵן קוֹמַת שָׁנָה, כִּי עוֹלָם שָׁנָה נֶפֶשׁ, הֵן מְקַבְּלִין הַחִיּוּת מֵהַמִּצְווֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ג): "וְכָל מַעֲשֵׂהוּ בֶּאֱמוּנָה", וּכְתִיב (שָׁם קי"ט): "כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה". וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא הוּא אַחְדוּת פָּשׁוּט עִם הַמִּצְווֹת. וּכְשֶׁמַּעֲשֵׂה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא כְּתִקּוּנָן וּכְסִדְרָן, אֲזַי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מְשַׂמֵּחַ

בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה כָּל כָּךְ עֶר פְרֵייט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיים טוּן מִצְוֹת, עַד שֶׁאֵין רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא בִּשְׁבִילָהּ אַז עֶר ווִיל מֶער נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׂכַר פוּן עוֹלָם הַבָּא פַארְן טוּן דִי מִצְוֹת – הוּא יָכוֹל לֵידַע עֶר קֶען ווִיסְן בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין לְאַחַר גְּזַר דִּין אוֹיב מֶען הָאלְט שׁוֹין נָאכְן גְּזַר דִּין אָדֶער מֶען הָאלְט פַארְן גְּזַר דִּין, כִּי הַמִּצְווֹת הֵם קוֹמָה שְׁלֵמָה ווַייל דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גַאנְצֶע גֶעשְׁטֶעל, אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ הָאט צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג אֵבָרִים, אַזוֹי אִיז דָא צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג מִצְוֹת, וְהֵם אוּן זֵיי – דִי מִצְוֹת – מְחַיִּין אֶת כָּל הַקּוֹמוֹת גֶעבְּן לֶעבְּן פַאר אַלֶע גֶעשְׁטֶעלְן, דִי דְרֵיי חֲלָקִים פוּן דִי בְּרִיאָה.

דִי ווֶעלְט אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי חֲלָקִים, הֵן קוֹמַת אָדָם סַיי פַאר דִי מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִין זִיךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג אֵבָרִים, הֵן קוֹמַת עוֹלָם סַיי פַאר דִי ווֶעלְט וָואס אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג חֲלָקִים, הֵן קוֹמַת שָׁנָה אוּן סַיי פַאר דִי יָאר וָואס אִיז אוֹיךְ ווִי אַ גֶעשְׁטֶעל, חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, חוֹדֶשׁ אִיָּיר אִיז דִי לִינְקֶע הַאנְט, סִיוָן דִי רֶעכְטֶע פוּס, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער (עַיֵּין סֵפֶר יְצִירָה פֶּרֶק ה, מִשְׁנָה ב), ווֶען מֶען טוּט מִצְוֹת גֶעבְּט מֶען חִיּוּת פַאר דִי אַלֶע דְרֵיי חֲלָקִים פוּן דִי ווֶעלְט, כִּי עוֹלָם ווַייל דִי ווֶעלְט, שָׁנָה דִי יָאר, נֶפֶשׁ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ – הֵן מְקַבְּלִין הַחִיּוּת מֵהַמִּצְווֹת דוּרְךְ דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן – גֶעבְּן מִיר חִיּוּת פַאר דִי אַלֶע גֶעשְׁטֶעלְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לג, ד): 'וְכָל מַעֲשֵׂהוּ' אַלֶע זַיינֶע ווֶערְק – דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, 'בֶּאֱמוּנָה' הָאלְט זִיךְ בִּזְכוּת אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיֶ' אַז דִי מִצְוֹת בְּרֶענְגְט צוּ אֱמוּנָה, וּכְתִיב אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם קיט, פו): 'כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה' אַלֶע דַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען עֵצוֹת ווִי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוּן דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער, הוּא אַחְדוּת פָּשׁוּט עִם הַמִּצְווֹת אִיז אֵיינְס מִיט דִי מִצְוֹת, אוּן ווֶען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה ווֶוערְט עֶר אֵיינְס מִיטְן אײבֶּערְשְׁטְן, וּכְשֶׁמַּעֲשֵׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּתִקּוּנָן וּכְסִדְרָן אוּן ווֶען אַלֶעס פִירְט זִיךְ גְלַייךְ אוּן גוּט, מֶען טוּט דִי מִצְוֹת וָואס גֶעבְּט חִיּוּת פַאר דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אֲזַי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשַׂמֵּחַ בָּהֶם פְרֵייט זִיךְ

בָּהֶם וּמִתְעַנֵּג בָּהֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ק"ד): "יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו". כְּמוֹ בַּעַל־מְלָאכָה, שֶׁעוֹשֶׂה אֵיזֶה כְּלִי, וְהַכְּלִי הוּא יָפֶה, אֲזַי הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ, וְהַשִּׂמְחָה שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא הִיא מְלֻבֶּשֶׁת בְּהַמִּצְוֹת, כִּי הֵם אַחְדוּתוֹ. וּמִי שֶׁעוֹשֶׂה הַמִּצְוָה בְּשִׂמְחָה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ.

**נִמְצָא** כְּשֶׁנִּכְנָס בְּהַשִּׂמְחָה שֶׁבַּמִּצְוָה, הוּא נִכְנָס בְּשִׂמְחַת הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, שֶׁמְּשַׂמֵּחַ בְּמַעֲשָׂיו, וְזֶה בְּחִינַת (שָׁם קמ"ט): "יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעוֹשָׂיו".

**נִמְצָא** כְּשֶׁיֵּשׁ אֵיזֶה צַעַר וְדִין בְּעוֹלָם שָׁנָה נֶפֶשׁ, אֲזַי

---

דער אייבערשטער מיט זיי, **וּמִתְעַנֵּג בָּהֶם** און ער האט א פארגעניגן מיט זיי.

**דער** רבי ברענגט יעצט א ראי' אז דער אייבערשטער פרייט זיך מיט זיינע **מַעֲשִׂים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שָׁם קד, לא): **'יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו'** דער אייבערשטער פרייט זיך מיט זיינע מעשים, **כְּמוֹ בַּעַל מְלָאכָה** אזוי ווי אן ארבעטער, **שֶׁעוֹשֶׂה אֵיזֶה כְּלִי** וואס מאכט א זאך, **וְהַכְּלִי הוּא יָפֶה** און די זאך איז זייער שיין, **אֲזַי הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ** האט דער ארבעטער א פארגעניגן פון די זאך וואס ער האט געמאכט, אזוי אויך דער אייבערשטער פרייט זיך מיט די תורה און די מצות, **וְהַשִּׂמְחָה שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** און די שמחה פונעם אייבערשטן, **הִיא מְלֻבֶּשֶׁת בְּהַמִּצְוֹת** ליגט אין די מצות, **כִּי הֵם אַחְדוּתוֹ** ווייל מיטן טון די מצות ווערט מען איינס מיטן באשעפער, **וּמִי שֶׁעוֹשֶׂה הַמִּצְוָה בְּשִׂמְחָה** און ווער עס פרייט זיך ביים טון די מצות, **מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ** מיט די מצוה אליין, דאס איז אזוי ווי 'אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה' - א שפיגל וואס שיינט, עס איז אזוי ווי ער זעט דעם אייבערשטן אין די מצוה.

**נִמְצָא** קומט אויס, **כְּשֶׁנִּכְנָס בְּהַשִּׂמְחָה שֶׁבַּמִּצְוָה** אז ווען ער פרייט זיך מיט די מצוה, **הוּא נִכְנָס בְּשִׂמְחַת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** פרייט ער זיך מיטן אייבערשטנ'ס פרייד, **שֶׁמְּשַׂמֵּחַ בְּמַעֲשָׂיו** ווייל דאס איז די שמחה פונעם אייבערשטן, ער ווערט נכלל אינעם אייבערשטן, ווייל ער דארף נישט קיין שום שכר, ער דארף נאר די מצוה.

**וְזֶה בְּחִינַת** און דאס איז וואס שטייט אין פסוק (שָׁם קמט, ב): **'יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעוֹשָׂיו'** אידישע קינדער פרייען זיך מיטן אייבערשטן, מיטן טון די מצות בשמחה, און דער אייבערשטער כביכול געפינט זיך אין די מצות און דארט פרייט ער זיך כביכול, אזוי ווי עס שטייט 'ישמח ה' במעשיו', און ווען מען טוט די מצות בשמחה ווערט א יחוד צווישן דעם איד מיטן אייבערשטן, מען ווערט נכלל אינעם אייבערשטן.

**נִמְצָא** קומט אויס, **כְּשֶׁיֵּשׁ אֵיזֶה צַעַר** אויב איז דא צרות, **וְדִין** אדער א גזר דין, **בְּעוֹלָם שָׁנָה נֶפֶשׁ** אין איינע פון די דריי געשטעלן; אין די וועלט, אין די יאר אדער

אינעם מענטש, אזי בודאי נגרע משמחת הקדוש ברוך הוא ווערט וויינעגער די פרייד פונעם אייבערשטן, כמו שכתוב אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, ווען די דור המבול האבן געטון שלעכטס און עס איז געווארן די גזירה פון ברענגען די מבול, שטייט (בראשית ו, ו): 'ויתעצב אל לבו', 'ויתעצב אל לבו', דער אייבערשטער איז כביכול טרויעריג געווארן, זעט מען פון דעם אז ווען עס איז דא א גזירה ווערט פארמינערט די שמחה ביים אייבערשטן, וכמו שכתוב און אזוי ווי עס שטייט אין גמרא, ווען א איד האט צער און ווייטאג, (סנהדרין מו.): 'שכינה מה אומרת' וואס זאגט דער אייבערשטער? 'קלני מראשי' מיין קאפ טוט מיר וויי, וכו' 'קלני מזרועי' מיין הענט טוט מיר וויי.

**וזה שנכנס בתוך השמחה** און דער וואס טוט מצוות מיט שמחה, **יכול בודאי לידע** ער קען זיכער וויסן, **לפי ענין השמחה** לויט ווי פרייליך ער איז ביים מקיים זיין די מצוה – **אם הוא קודם גזר דין** אויב מען האלט נאך פאר דעם גזר דין **אם הוא לאחר גזר דין** אדער מען איז שוין נאכן גזר דין, **גם יכול לידע** אויך קען ער וויסן – **על איזהו חלק מהקומה נגזר הדין** אויף וועלכער חלק פונעם געשטעל איז נגזר געווארן די גזירה, **כי יודע לפי קומת המצוות** ווייל ער ווייסט לויט די געשטעל פון די מצוות, **אם אין יכול לעשות בשמחה ראשי המצוות** אויב ער קען נישט טון געוויסע מצוות מיט שמחה, **הינו מצוות התלויים בראש** די מצוות וואס זענען אנטקעגן די קאפ, **ידע** דורכדעם ווייסט ער **שהדין נגזר** אז די גזירה איז נגזר געווארן **על ראשי עולם שנה נפש** אויף די חלק פון עולם שנה נפש, **וכן בשאר קומת המצוות** אזוי אויך אויף אנדערע חלקים פון די מצוות, און דעמאלט דארף מען מתפלל זיין דורך דערציילן מעשיות, מען דארף באהאלטן די תפלה פון די מקטרגים.

**און** די מדרגה צו טון מצוות, נישט צו ערווארטן שכר, נאר זיך פרייען מיט די מצוה אליינס, איז מרומז אין די ווערטער, **וזהו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה** און דאס זאגן די הייליגע חכמים (מכילתא; ועין ביצה טז.) **'בשבת'** אויפן הייליגן

---

**בודאי נגרע משמחת הקדוש־ברוך־הוא, כמו שכתוב** (בראשית ו): **"ויתעצב אל לבו", וכמו שכתוב** (סנהדרין מו.): **'שכינה מה אומרת — קלני מראשי' וכו'.**

**וזה שנכנס בתוך השמחה. יכול בודאי לידע לפי ענין השמחה אם הוא קודם גזר דין, אם הוא לאחר גזר דין. גם יכול לידע על איזהו חלק מהקומה נגזר הדין, כי יודע לפי קומת המצוות. אם אין יכול לעשות בשמחה ראשי המצוות, הינו מצוות התלויים בראש, ידע שהדין נגזר על ראשי עולם שנה נפש, וכן בשאר קומת המצוות.**

**וזהו שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה** (מכילתא; ועין ביצה

(טז.): **'בְּשַׁבָּת — זָכְרֵהוּ מֵאֶחָד בְּשַׁבָּת', הַיְנוּ שִׂמְחַת וְתַעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא, שֶׁהוּא בְּחִינַת שַׁבָּת, יַרְגִּישׁ בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה, שֶׁהֵן בְּחִינַת מַעֲשֵׂה הַמִּצְווֹת, שֶׁבָּהֶם נִבְרְאוּ עוֹלָם שָׁנָה נֶפֶשׁ. [וְזֶהוּ]** (דְּבָרִים כ"ד): **"בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ", שֶׁיְּהֵא שְׂכָרוֹ מֵהַמִּצְווֹת בְּעַצְמָן, "וְלֹא תָבוֹא עָלָיו הַשֶּׁמֶשׁ", שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה הַמִּצְווֹת בִּשְׂכַר עוֹלָם הַבָּא, שֶׁהִיא אַחַר בִּיאַת שִׁמְשׁוֹ אַחַר מוֹתוֹ:**

טָאג שַׁבָּת, 'זָכְרֵהוּ מֵאֶחָד בְּשַׁבָּת' מֶען זָאל איר גֶעדֶענְקֶען פוּן אָנְהוֹיב וָואךְ, פוּן זוּנְטָאג אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאל מֶען שׁוֹין גֶעדֶענְקֶען פוּן שַׁבָּת, הַיְנוּ שִׂמְחַת וְתַעֲנוּג **עוֹלָם הַבָּא** דִי פְרֵייד אוּן דִי פַארְגֶענִיגְן פוּן עוֹלָם הַבָּא, **שֶׁהוּא בְּחִינַת שַׁבָּת** וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת - **יַרְגִּישׁ בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה** זָאל מֶען שְׁפִּירְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, **שֶׁהֵן בְּחִינַת מַעֲשֵׂה הַמִּצְווֹת** מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, **שֶׁבָּהֶם** וָואס אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, **נִבְרְאוּ עוֹלָם שָׁנָה נֶפֶשׁ** אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דִי וֶועלְט; מֶען דַארְף זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵייעֶן מִיט קְדוּשַּׁת שַׁבָּת בִּיז מֶען קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן 'אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה', מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שָׂכָר אוֹיף דִי מִצְוֹת, מֶען דַארְף דִי מִצְוָה אַלֵיין, אוּן מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ קְדוּשַּׁת שַׁבָּת, שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת - לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל, אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ, זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן, וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן (דְּבָרִים כד, יט): **'בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ'** מֶען זָאל בַּאצָאלְן אַן אַרְבֶּעטֶער אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס אוֹיף דִי מַדְרֵיגָה צוּ טוּן מִצְוֹת אוּן שְׁפִּירְן בַּיים טוּן דִי מִצְוָה ווִי מֶען בַּאקוּמְט בַּאצָאלְט אִינֶעם טָאג וָואס מֶען טוּט דִי מִצְוָה, מֶען וַוארְט נִישְׁט אוֹיף שָׂכַר, נָאר **שֶׁיְּהֵא שְׂכָרוֹ מֵהַמִּצְוֹת בְּעַצְמָן** מֶען שְׁפִּירְט בַּיים טוּן דִי מִצְוָה ווִי דָאס וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען שְׂכַר, מֶען וַוארְט נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם): **'וְלֹא תָבוֹא עָלָיו הַשֶּׁמֶשׁ'** אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לָאזְן דִי זוּן זָאל אוּנְטֶערְגֵיין, אוּן נָאר דֶעמָאלְט אִים בַּאצָאלְן - דָאס מֵיינְט **שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה הַמִּצְווֹת** זָאלְסְט נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת מִיט דִי כַּוָּונָה **בִּשְׂכַר עוֹלָם הַבָּא** צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר אִין עוֹלָם הַבָּא, **שֶׁהִיא אַחַר בִּיאַת שִׁמְשׁוֹ** וָואס דָאס בַּאקוּמְט מֶען עֶרְשְׁט נָאכְן זוּן אוּנְטֶערְגַאנְג, **אַחַר מוֹתוֹ** דָאס הֵייסְט נָאכְן שְׁטַארְבְּן, נָאר זָאלְסְט טוּן דִי מִצְוֹת מִיט אַזַא שִׂמְחָה אוּן אַזַא חִיּוּת - אַז דָאס אַלֵיין זָאל זַיין דַיין שְׂכַר.

דִי צַדִּיקִים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרַס, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט מֶען זָאל זֵיי בַּאצָאלְן, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיין, זֵיי הָאבְּן אַ פַארְגֶענִיגְן פוּן דִי מִצְוֹת, זֵיי שְׁפִּירְן בַּיים טוּן דִי מִצְוֹת טַעַם עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר שַׁבָּת, פֶּרֶק א): בְּ'יוֹמוֹ תִ'תֵּן שְׂ'כָרוֹ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שַׁ'בָּ'ת', וַוייל שַׁבָּת אִיז שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֵילָא וְתַתָּא, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם

**ג וְעִקַּר הַשִּׂמְחָה הוּא** בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ד): "נָתַתָּה שִׂמְחָה בְלִבִּי". **וְאִי** אֶפְשָׁר לַלֵּב לִשְׂמֹחַ, **אֶלָּא** עַד שֶׁיָּסִיר עַקְמוּמִיּוּת שֶׁבְּלִבּוֹ, שֶׁיְּהֵא לוֹ יַשְׁרוּת לֵב, וְאָז יִזְכֶּה לְשִׂמְחָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם צ"ז): "וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה".

**וְעַקְמוּמִיּוּת** שֶׁבַּלֵּב מַפְשִׁיטִין עַל־יְדֵי רְעָמִים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וויל גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז לִיסְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען אִיז מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים פוּן זִיךְ אוּן פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**ג וְעִקַּר הַשִּׂמְחָה הוּא** בַּלֵּב דֶער עִיקָר שִׂמְחָה אִיז אִין הַאַרְץ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ד, ח): 'נָתַתָּה שִׂמְחָה בְלִבִּי' דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין מַיין הַאַרְץ, דֶער רֶבִּי בַּאצִיט זִיךְ אוֹיף וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט, אַז דוּרְךְ שִׂמְחָה – וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיין – קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ מֶען הָאלְט שׁוֹין נָאכְן גְזַר דִין אָדֶער פַארְן גְזַר דִין, צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין. **וְאִי** אֶפְשָׁר לַלֵּב לִשְׂמֹחַ אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין הַאַרְץ, **אֶלָּא** עַד שֶׁיָּסִיר עַקְמוּמִיּוּת שֶׁבְּלִבּוֹ נָאר אַז מֶען נֶעמְט אַוֶועק דִי פַארְדְרֵייטְקֵייט פוּן הַאַרְץ, מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁיְּהֵא לוֹ יַשְׁרוּת לֵב מֶען זָאל הָאבְּן אַ גְלַייכֶע הַאַרְץ; וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, פְּגַם טִפֵּי הַמֹּחַ – פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין כְּפִירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס מַאכְט מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ,

**וְאָז** אוּן אַז מֶען נֶעמְט אַוֶועק דִי פַארְדְרֵייטְקֵייט, מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גְלֵייבְּט אַז (תְּהִלִּים קמה, יז): 'צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו, וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין טָעוּתִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, יִזְכֶּה לְשִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם צז, יא): 'וּלְיִשְׁרֵי לֵב' אוּן פַאר דִי גְלַייכֶע הֶערְצֶער, 'שִׂמְחָה' אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פְרֵייד; הֱיוֹת דִי עִיקָר שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין הַאַרְץ, מִמֵּילָא קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן נָאר אוֹיבּ מֶען נֶעמְט קוֹדֶם אַוֶועק דִי קְרוּמְקֵייטְן וָואס מֶען הָאט בַּיי זִיךְ אִין הַאַרְץ, אַז מֶען הָאט אַ גְרָאדֶע הַאַרְץ קֶען מֶען הָאבְּן שִׂמְחָה, 'וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה'.

**יֶעצְט** זָאגְט דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן פַארְדְרֵייטְקֵייט פוּן הַאַרְץ? **וְעַקְמוּמִיּוּת** שֶׁבַּלֵּב דָאס פַארְדְרֵייטְקֵייט פוּן הַאַרְץ, מַפְשִׁיטִין וֶוערְט אוֹיסְגֶעגְלַייכְט – עַל יְדֵי רְעָמִים דוּרְךְ הֶערְן דוּנֶערְן, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ קוֹל פוּן אַ דוּנֶער וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן דָאס מַאכְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען לָאזְט אָפּ אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן

לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נט.): 'לֹא נִבְרְאוּ רְעָמִים אֶלָּא לִפְשֵׁט עַקְמִימִיּוּת שֶׁבַּלֵּב'.

**וּרְעָמִים** הוּא בְּחִינַת קוֹל שֶׁאָדָם מוֹצִיא בְּכֹחַ בִּתְפִלָּתוֹ, וּמִזֶּה נַעֲשֶׂה רְעָמִים. כִּי אִיתָא בַּזֹּהַר (פִּינְחָס רלה:) 'כַּד קָלָא נָפִיק וְאַעֲרָא בְּעָבֵי מִטְרָא אִשְׁתַּמַּע קָלָא לְבִרְיָתָא וְדָא אִינּוּן רְעָמִים', וְעִקַּר הָרְעָמִים הֵם מִגְּבוּרוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב כ"ו): "וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו מִי יִתְבּוֹנָן". וּבִשְׁבִיל זֶה אָנוּ מְבָרְכִין: שֶׁכֹּחוֹ וּגְבוּרָתוֹ וְכוּ'.

(בְּרָכוֹת נט.) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ג, יד): 'וְהָאֱלֹקִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם דוּנֶער, **'לֹא נִבְרְאוּ רְעָמִים'** עֶס זֶענֶען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דוּנֶערְן פַאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, **'אֶלָּא לִפְשֵׁט עַקְמִימִיּוּת שֶׁבַּלֵּב'** נָאר אוֹיסְצוּגְלַייכְן דָאס הַארְץ.

**און** אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא דוּנֶערְן אוֹיף דִי וֶועלְט בִּכְלָלִיּוּת, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דָא בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין דִי זַאךְ פוּן דוּנֶערְן, וָואס גְרָאדְט אוֹיס דָאס הַארְץ. **וּרְעָמִים הוּא בְּחִינַת קוֹל** דֶער דוּנֶער גֶעשֶׁעט פוּן אַ קוֹל, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ **שֶׁאָדָם מוֹצִיא בְּכֹחַ בִּתְפִלָּתוֹ** וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל - **וּמִזֶּה נַעֲשֶׂה רְעָמִים** וֶוערְט פוּן דֶעם אַ דוּנֶער. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דֶער דוּנֶער וֶוערְט פוּן אַ קוֹל, **כִּי אִיתָא בַּזֹּהַר** עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פִּינְחָס רלה:): **'כַּד קָלָא נָפִיק'** דִי קוֹל קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי הַאלְז צוּזַאמֶען מִיט לוּפְט (פַארֶע), אוּן וֶוען דִי פַארֶע גֵייט אַרוֹיף פוּן דִי עֶרְד, **'וְאַעֲרָא בְּעָבֵי מִטְרָא'** אוּן עֶס טְרֶעפְט זִיךְ מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס וָואס זֶענֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער, וֶוען זֵיי בֵּיידֶע טְרֶעפְן זִיךְ צוּזַאם - **'אִשְׁתַּמַּע קָלָא'** הֶערְט זִיךְ אַ קוֹל **'לְבִרְיָתָא'** פַאר דִי מֶענְטְשְׁן, **'וְדָא אִינּוּן רְעָמִים'** אוּן דָאס זֶענֶען דוּנֶערְן; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען דַאוֶוענְט בְּקוֹל וּבְכַוָּנָה, וֶוערְט אַזוֹי וִוי אַ דוּנֶער אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פַארְדְרֵייטְקֵייטְן פוּן הַארְץ אוּן דָאס הַארְץ וֶוערְט אוֹיסְגֶעגְרָאדְט.

**וְעִקַּר הָרְעָמִים הֵם מִגְּבוּרוֹת** דִי דוּנֶערְן אִיז פוּן דִי שְׁטַארְקְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דִי מִדַּת הַגְּבוּרָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כו, יד): **'וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו'** אוּן דֶער שְׁטוּרֶעם פוּן זַיין שְׁטַארְקְקֵייט, **'מִי יִתְבּוֹנָן'** וֶוער קֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דֶעם אוּן דָאס פַארְשְׁטֵיין? זֶעט מֶען אַז דִי דוּנֶערְן קוּמֶען פוּן גְּבוּרָה, **וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֶערְט אַ דוּנֶער, **אָנוּ מְבָרְכִין** מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה: **שֶׁכֹּחוֹ וּגְבוּרָתוֹ וְכוּ'** 'בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁכֹּחוֹ וּגְבוּרָתוֹ מָלֵא עוֹלָם', מֶען נִיצְט בַּיים הֶערְן אַ דוּנֶער דָאס וָוארְט 'גְּבוּרָה' וַוייל דֶער דוּנֶער אִיז פוּן דִי גְּבוּרוֹת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דִי שְׁטַארְקְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען דַאוֶוענְט בְּכֹחַ וּבְקוֹל, מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען דַאוֶוענְט - וֶוערְט פוּנֶעם דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי אַ דוּנֶער, אוּן דָאס זָאגְט יֶעצְט דֶער

**וְהַגְּבוּרוֹת** הֵם בְּחִינַת כֹּחַ וּגְבוּרָה, שֶׁאָדָם מוֹצִיא אֶת הַקּוֹל בְּכֹחַ גָּדוֹל, וְהַקּוֹל הַזֶּה פּוֹגֵעַ בְּעָבֵי מִטְרָא, הַיְנוּ בְּחִינַת מֹחִין, שֶׁמִּשָּׁם יוֹרְדִין טִפִּין טִפִּין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (פִּינְחָס רלה:): "בְּאֵר מַיִם חַיִּים וְנוֹזְלִים מִן לְבָנוֹן" — 'מִן לִבּוּנָא דְּמֹחָא'. וּכְשֶׁפּוֹגֵעַ בְּעָבֵי מִטְרָא, אֲזַי אִשְׁתַּמַּע קָלָא לִבְרִיָּתָא, הַיְנוּ בְּחִינַת רְעָמִים.

**וְזֶהוּ** (תְּהִלִּים ע"ז): "קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל", הַיְנוּ בְּגַלְגַּלְתָּא דְּמֹחָא, כַּד אַעֲרָא בְּגַלְגַּלְתָּא

רֶבִּי, **וְהַגְּבוּרוֹת** אוּן דָאס שְׁטַארְקְקֵייט, **הֵם בְּחִינַת כֹּחַ וּגְבוּרָה שֶׁאָדָם מוֹצִיא אֶת הַקּוֹל בְּכֹחַ גָּדוֹל** - פַּאסִירְט אוֹיךְ דוּרְךְ דַאוֶועןֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, וַוייל אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט אַ קוֹל, קוּמְט דָאס מִיט אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, **וְהַקּוֹל הַזֶּה** אוּן דֶער קוֹל - **פּוֹגֵעַ בְּעָבֵי מִטְרָא** טְרֶעפְט זִיךְ מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס, **הַיְנוּ בְּחִינַת מֹחִין** אִינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיךְ אִין זַיין קָאפּ אַזוֹי וִוי וָואלְקֶענֶעס, **שֶׁמִּשָּׁם** וָואס פוּן דָארְט, פוּנֶעם מֹחַ - **יוֹרְדִין טִפִּין טִפִּין** קוּמֶען אַרָאפּ טְרָאפְּלֶעךְ, וַוייל אַזוֹי וִוי עֶס טְרָאפְּט פוּן דִי וָואלְקֶענֶעס - אַזוֹי אִיז בַּיים מֶענְטְשׁ, דִי זֶרַע אִיז טְרָאפְּנְס פוּנֶעם מֹחַ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פִּינְחָס רלה:): **'בְּאֵר מַיִם חַיִּים'** אַ לֶעבֶּעדִיגֶע קְוָואל פוּן וַואסֶער, **'וְנוֹזְלִים'** וָואס זֵייעֶרֶע וַואסֶער רִינֶען - **'מִן לְבָנוֹן'** פוּן אַ רֵיינֶעם וַוייסְן אָרְט, דָאס מֵיינְט מֶען - **מִן לִבּוּנָא דְּמֹחָא** פוּן דִי מֹחַ וָואס אִיז וַוייס; אוּן אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס גֵייט אַרוֹיף אַ פַּארֶע בִּיזְן הִימְל אוּן עֶס קְלַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִין אַ וָואלְקְן וֶוערְט פוּן דֶעם אַ דוּנֶער, אוּן דָאס מַאכְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען זָאל בַּאקוּמֶען אַ גְלַייכֶע הַארְץ, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען דַאוֶוענְט בְּקוֹל וּבְכַוָּנָה - גֵייט אַרוֹיף דִי קוֹל בִּיז דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, אוּן דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, מֶען בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען הוֹיבְּט אָן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסִירְט בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וֶוען עֶר דַאוֶוענְט אוֹיפְן קוֹל מִיט כַּוָּנַת הַלֵּב אוּן מִיט הִתְלַהֲבוּת וֶוערְט עֶר נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, אַזוֹי פַּאסִירְט אוֹיךְ - **וּכְשֶׁפּוֹגֵעַ** וֶוען דִי קוֹל טְרֶעפְט זִיךְ - **בְּעָבֵי מִטְרָא** מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס, דָאס מֵיינְט מֶען דִי מֹחַ וָואס אִיז אוֹיךְ וִוי אַ וָואלְקְן, **אֲזַי אִשְׁתַּמַּע קָלָא לִבְרִיָּתָא** דֶערְמָאלְט הֶערְן אַלֶע דִי קוֹלוֹת פוּן דִי דוּנֶער, דָאס הֵייסְט אַלֶע וֶוערְן נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, אַלֶע קֶערְן זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הַיְנוּ בְּחִינַת רְעָמִים** אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס הֶערְט זִיךְ אַ דוּנֶער.

**וְזֶהוּ** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עז, יט): **'קוֹל רַעַמְךָ'** דֶער קוֹל פוּן דַיינֶע דוּנֶערְן **'בַּגַּלְגַּל'** אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אַ רֶעדְל אוֹיפְן יָם בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף [צוּ פַּארְטוּמְלֶען דִי מִצְרִיִּים], דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם פָּסוּק אוֹיף נָאךְ אַ וֶועג, בַּגַּלְגַּל - **הַיְנוּ בְּגַלְגַּלְתָּא דְּמֹחָא** דָאס אִיז דִי בֵּיין פוּנֶעם קָאפּ, **כַּד אַעֲרָא בְּגַלְגַּלְתָּא דְּמֹחָא** וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט אוֹיפְן קוֹל, וֶוערְט דֶערְהֶערְט

**דְּמֹחָא, נַעֲשֶׂה מֵהַקּוֹל רְעָמִים, וְנִשְׁמָע לִבְרִיָּתָא.**

**וְזֶה** (שָׁם מ"ט): "פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת", הַיְנוּ הַדִּבּוּר הַיּוֹצֵא מִפִּי פּוֹגֵעַ בְּחָכְמָה, הַיְנוּ בְּגֻלְגַּלְתָּא דְּמֹחָא, וְעַל־יְדֵי־זֶה: "וְהָגוּת לִבִּי" וְכוּ', הַיְנוּ עַל־יְדֵי־זֶה שֶׁנִּתְעוֹרֵר הָרַעַם, נִתְעוֹרֵר הַלֵּב, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ: 'קוֹל מְעוֹרֵר הַכַּוָּנָה', וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו:) 'מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם, דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין', כִּי מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאָה, קוֹלוֹ נַעֲשֶׂה רְעָמִים, כִּי רַעַם מִסִּטְרָא דְּיִצְחָק, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו", וְעַל־יְדֵי־זֶה דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין, הַיְנוּ מִשְׁתַּמַּע קָלָא לִבְרִיָּתָא, כִּי תַּמָּן תַּלְיָא

זַיין קוֹל בִּיזְן מֹחַ, און וָואס פַּאסִירְט? נַעֲשֶׂה מֵהַקּוֹל עֶס וֶוערְט פוּנֶעם קוֹל – רְעָמִים דִינֶערְן, וְנִשְׁמָע לִבְרִיָּתָא און עֶס וֶוערְט גֶעהֶערְט פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער וֶוערְט נִתְעוֹרֵר פוּן זַיין דַאוְונֶען; דָאס אִיז טַייטְשׁ 'קוֹל רַעַמְךָ', וִוי אַזוֹי וֶוערְט פוּנֶעם קוֹל – אַ דוּנֶער? 'בַּגַּלְגַּל', וֶוען דֶער מֹחַ וָואס לִיגְט אִינֶעם בֵּיין – הֶערְט דָאס דַאוְונֶען, אַז מֶען דַאוְונְט מִיט כֹּחַ און גְבוּרָה, מֶען דַאוְונְט מִיט דִי גַאנְצֶע חַיּוּת – וֶוערְט פוּן דֶעם אַזוֹי וִוי אַ דוּנֶער, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז עֶר, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים.

**וְזֶה** און דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק (שָׁם מט, ד): 'פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת' מַיין מוֹיל וֶועט רֶעדְן חָכְמוֹת, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט הַדִּבּוּר הַיּוֹצֵא מִפִּי דִי רֵייד וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן מַיין מוֹיל, וֶוען מֶען דַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פּוֹגֵעַ בְּחָכְמָה, הַיְנוּ בְּגֻלְגַּלְתָּא דְּמֹחָא דִי קוֹל גֵייט אַרוֹיף צוּם מֹחַ מַחֲשָׁבָה און מֶען בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, וְעַל יְדֵי זֶה און דוּרְכְדֶעם – 'וְהָגוּת לִבִּי' וְכוּ' בַּאקוּמְט מַיין הַארְץ פַארְשְׁטַאנְד, הַיְנוּ עַל יְדֵי זֶה שֶׁנִּתְעוֹרֵר הָרַעַם ווייל דוּרְךְ דֶעם דוּנֶער וָואס וֶוערְט דוּרְכְן דַאוְונֶען בְּקוֹל, נִתְעוֹרֵר הַלֵּב וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ אַזוֹי וִוי דִי חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵּין טוּר אוֹרַח חַיִּים סִימָן סא, סְעִיף ד): 'קוֹל מְעוֹרֵר הַכַּוָּנָה' דַאוְונֶען אוֹיפְן קוֹל הֶעלְפְּט אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען דַאוְונְט, וְזֶה און דָאס אִיז שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): 'מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם' וֶוער עֶס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – 'דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין' וֶוערְן זַיינֶע רֵייד אוֹיסְגֶעהֶערְט, לִכְאוֹרָה וָואס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם צוּ טוּן אַז דִי רֵייד זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען? כִּי מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאָה ווייל וֶוער עֶס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, קוֹלוֹ נַעֲשֶׂה רְעָמִים וֶוערְט פוּן זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי אַ דוּנֶער, כִּי רַעַם מִסִּטְרָא דְּיִצְחָק ווייל דֶער דוּנֶער קוּמְט פוּן גְבוּרָה, וָואס גְבוּרָה אִיז דִי מִדָּה פוּן יִצְחָק אָבִינוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו' דֶער דוּנֶער אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס שְׁטַארְקְקֵייט, וְעַל יְדֵי זֶה דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין און דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זַיינֶע וֶוערְטֶער אוֹיסְגֶעהֶערְט, הַיְנוּ מִשְׁתַּמַּע קָלָא לִבְרִיָּתָא אַלֶע וֶוערְן נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, כִּי תַּמָּן תַּלְיָא

**שְׁמִיעָה, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (חֲבַקּוּק ג): "ה', שָׁמַעְתִּי שִׁמְעֲךָ יָרֵאתִי".**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ (תְּהִלִּים ק"ג): "גִּבֹּרֵי כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ". אִיתָא בַּזֹּהַר (לֶךְ צ.): 'זַכְיָן לְמִשְׁמַע קָלִין מִלְּעֵילָא', הַיְנוּ עַל יְדֵי הַגְּבוּרוֹת נַעֲשֶׂה רְעָמִים, וְעַל־יְדֵי־זֶה הַלֵּב שׁוֹמֵעַ, וְהַיְנוּ: "וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת". וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (מְלָכִים־א' ג): "וְנָתַתָּ לְעַבְדְּךָ לֵב שׁוֹמֵעַ", וְגַם דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין לִבְרִיָּתָא,**

**שְׁמִיעָה** וַוייל דורך יִרְאָה ווערט אָנְגענומען וואס מען רעדט, **כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (חֲבַקּוּק ג, ב) 'ה' הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, 'שָׁמַעְתִּי שִׁמְעֲךָ' ווען איך האב געהערט דיין הערונג, ווי דו שטראפסט שטענדיג די רְשָׁעִים - 'יָרֵאתִי' האב איך מורא געהאט, פארוואס האב איך אויסגעהערט דיינע רייד? וַוייל איך האב יִרְאָה, אַזוֹי ווי דער הייליגער זוהר זאגט (פִּנְחָס רל.): 'יִרְאֵי אֱלֹקִים' די ערליכע אידן וואס האבן מורא פונעם אייבערשטן, 'מִסִּטְרָא דְיִצְחָק' די דינען דעם אייבערשטן מיט די וועג פון יִצְחָק אָבִינוּ, 'דְּתַמָּן שְׁמִיעָה' דאס מאכט אויסהערן וואס דער אייבערשטער זאגט.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** דאס איז פְּשַׁט אין וואס עס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים קג, כ): 'גִּבֹּרֵי כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ' די מַלְאָכִים וואס זענען געשטארקט מיט כֹּחַ און טוען די מִצְוֹת וואס דער אייבערשטער הייסט, זיי טוען נישט דעם רָצוֹן פונעם אייבערשטן כְּדֵי צו באקומען שָׂכָר, זיי טוען דעם ווילן פונעם אייבערשטן - 'לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ' כְּדֵי צוצוהערן דעם קוֹל פונעם אייבערשטן, דאס הייסט זיי טוען נישט די מִצְוֹת צו באקומען שָׂכָר, נאר וַוייל זיי ווילן די מִצְוָה אַליין (עַיֵּין מְצוּדוֹת דָּוִד, שָׁם), דער רֶבִּי ברענגט נאך אַ פְּשַׁט אין דעם פָּסוּק, **אִיתָא בַּזֹּהַר** דער זוהר (לֶךְ צ.) זאגט אויף דעם פָּסוּק 'גִּבֹּרֵי כֹחַ' - דאס מיינט מען די צַדִּיקִים וואס זענען אַזוֹי ווי גִּבּוֹרִים, זיך צו שטארקן אויפן יֵצֶר הָרָע, 'זַכְיָן לְמִשְׁמַע קָלִין מִלְּעֵילָא' זיי זענען זוֹכֶה צו הערן קוֹלוֹת פון הימל, הַיְנוּ עַל יְדֵי הַגְּבוּרוֹת וַוייל אַז מען דאווענט מיטן גאנצן כֹּחַ און מיטן קוֹל צום אייבערשטן, דורכדעם נַעֲשֶׂה רְעָמִים ווערט דונערן, די קוֹל גייט ארויף צום מֹחַ מַחֲשָׁבָה און עס ווערט אויסגעגליכן די הארץ, וְעַל יְדֵי זֶה און דורכדעם, הַלֵּב שׁוֹמֵעַ איז מען זוֹכֶה אַז די הארץ הערט די קוֹל פונעם אייבערשטן, וְהַיְנוּ און דאס איז וואס שטייט ווייטער אין פָּסוּק 'וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת' מיין הארץ באקומט פארשטאנד, מען פרייט זיך מיטן אייבערשטן, מען פרייט זיך מיט די מִצְוֹת, ביז מען קומט צו די מַדְרֵגָה צו וויסן אויב עס איז שוין נאכן גְּזַר דִּין. **וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב** און אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ איז מִתְפַּלֵּל (מְלָכִים א ג, ט): 'וְנָתַתָּ לְעַבְדְּךָ' און דו ווערסט געבן פאר דיין קנעכט, 'לֵב שׁוֹמֵעַ' אַ הארץ אויסצוהערן די ווערטער פונעם אייבערשטן, וְגַם דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין לִבְרִיָּתָא און דיינע ווערטער וועלן אויך געהערט ווערן פאר אנדערע, וַוייל לִכְאוֹרָה דארף מען אַן אויער צו הערן, וואס איז דאס

**וְזֶהוּ:** "לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ". וְזֶה בְּחִינַת קוֹל הַשּׁוֹפָר, דָּא שׁוֹפָר שֶׁל אַיִל, אֵילוֹ שֶׁל יִצְחָק, בְּחִינַת: "וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו".

**וְזֶהוּ** (תְּהִלִּים פ"ט): "אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה", 'יוֹדְעֵי'

וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ בֶּעט 'לֵב שׁוֹמֵעַ', אַ הַארְץ צוּ הֶערְן? אָבֶּער ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ גְלַייכֶע הַארְץ אָן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶעמָאלְט וֶוערְן גֶעהֶערְט דִי ווֶערְטֶער, וְזֶהוּ דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ' מֶען הֶערְט צוּ זַיין קוֹל; דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דִי פָּסוּק אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, 'גִּבֹּרֵי כֹחַ', דִי צַדִּיקִים וָואס דַאוֶונֶען בְּכֹחַ וּבְקוֹל – זֶענֶען זוֹכֶה 'לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ' אַז זֵייעֶר הַארְץ הֶערְט אוֹיס וָואס זֵיי רֶעדְן, נָאךְ אַ פְּשַׁט 'לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ' אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן הֶערְן אוֹיס זֵייעֶרֶע רֵייד אוּן וֶוערְן נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, עֶס וֶוערְט פוּן זֵייעֶר קוֹל ווִי אַ דוּנֶער, 'וְנִשְׁמָע לִבְרִיָּתָא'.

**וְזֶה בְּחִינַת קוֹל הַשּׁוֹפָר** אוּן דָאס פַּאסִירְט אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט שׁוֹפָר בְּלָאזְן, דֶער קוֹל שׁוֹפָר וֶוערְט ווִי אַ רַעַם – אַ דוּנֶער, אוּן מֶען וֶוערְט נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, **דָּא שׁוֹפָר שֶׁל אַיִל** דָאס אִיז פַארְוָואס מֶען בְּלָאזְט מִיט אַ הָארְן פוּן אַ ווִידֶער. אַוַדַּאי אִיז דִי סוֹד פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז.) 'רַחֲמָנָא אָמַר תִּקְעוּ' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן בְּלָאזְן, נָאר דָאס אִיז פַארְוָואס מִיר בְּלָאזְן שׁוֹפָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אַז מֶען ווִיל אַרַיינְגֵיין טִיפֶער אִין דִי זַאךְ, גֶעפִינֶען מִיר טִיפֶע סוֹדוֹת, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם) אַז דֶער שׁוֹפָר קוּמְט דֶערְמָאנֶען דִי אַיִל פוּן יִצְחָק אָבִינוּ, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר דֶערְמָאנֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן יִצְחָק אָבִינוּ וָואס אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען זִיךְ צוּ לָאזְן שֶׁחְטְ'ן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן – מִיט דֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דָאס** אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע אֶמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים, זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ לָאזְן שֶׁחְטְ'ן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען זֵיי זָאגְן דִי בְּרָכָה 'לִשְׁמוֹעַ קוֹל שׁוֹפָר' טְרַאכְטְן זֵיי 'אָט אָט גֵייט מֶען אוּנְז שֶׁחְטְ'ן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן', וָואס דִי מַדְרֵיגָה אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן יִצְחָק אָבִינוּ, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת פט:) יִצְחָק אָבִינוּ אִיז דָן לְכַף זְכוּת אַלֶע אִידְן אוּן טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִידְנ'ס וֶועגְן, עֶר זָאגְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם 'הָא קָרֵיבִית נַפְשִׁי קַמָּךְ' אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלָאזְט שֶׁחְטְ'ן פַאר דִיר, זָאלְסְטוּ מוֹחֵל זַיין פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן אַ כַּפָּרָה, דָאס אִיז **אֵילוֹ שֶׁל יִצְחָק** דִי אַיִל פוּן יִצְחָק אָבִינוּ, עֶס וֶועקְט אוֹיף דִי זְכוּת פוּן עֲקֵדַת יִצְחָק, **בְּחִינַת** עֶס וֶוערְט פוּנֶעם קוֹל שׁוֹפָר וָואס שְׁטֵייט – **'וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו'** דֶער דוּנֶער אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס שְׁטַארְקְקֵייטְן, דֶער שׁוֹפָר וֶועקְט אוֹיף אַזוֹי ווִי דֶער דוּנֶער.

**וְזֶהוּ** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, טז): **'אַשְׁרֵי הָעָם'** וואוויל אִיז פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, 'יוֹדְעֵי תְרוּעָה' וָואס וֵוייסְן ווִי אַזוֹי צוּ בַּאווִילִיגְן זֵייעֶר בּוֹרֵא

דַיְקָא, שֶׁיּוֹפִיעַ הַקּוֹל בַּמֹּחַ, בִּבְחִינוֹת עָבֵי מִטְרָא, וְיִהְיֶה בִּבְחִינַת רְעָמִים.

וּמִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ תְּקִיעַת שׁוֹפָר מֵאִישׁ יָרֵא וְחָרֵד, בְּוַדַּאי לֹא יִדְאַג כָּל הַשָּׁנָה מֵרְעָמִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "בְּקוֹלוֹת וּבְרָקִים עֲלֵיהֶם נִגְלֵיתָ, וּבְקוֹל שׁוֹפָר עֲלֵיהֶם הוֹפַעְתָּ", שֶׁבְּקוֹל הַשּׁוֹפָר הוֹפִיעַ עֲלֵיהֶם מִקּוֹלוֹת וּבְרָקִים:

דורךְ בְּלָאזְן [- רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעם שׁוֹפָר בַּיי מַלְכֻיּוֹת, זִכְרוֹנוֹת און שׁוֹפָרוֹת], לִכְאוֹרָה וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן יוֹדְעֵי? 'יוֹדְעֵי' דַּיְקָא עֶס שְׁטֵייט דֶער לָשׁוֹן 'יוֹדְעֵי' אַ לָשׁוֹן פון 'דַּעַת', שֶׁיּוֹפִיעַ הַקּוֹל בַּמֹּחַ דֶער קוֹל שׁוֹפָר גֵייט אַרוֹיף צוּם מֹחַ אַזוֹי וְוִי דֶער קוֹל פון דַאוֶוענֶען בְּכֹּחַ, בְּחִינוֹת עָבֵי מִטְרָא דֶער מֹחַ אִיז אַזוֹי וְוִי דִי וָואלְקֶענֶעס פון רֶעגְן, וְיִהְיֶה בִּבְחִינַת רְעָמִים און עֶס וֶוערְט אַזוֹי וְוִי אַ דוּנֶער, עֶס גְלֵייכְט אוֹיס דִי הַארְץ, און עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע מְקַטְרְגִים. וּמִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ און וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ הֶערְן תְּקִיעַת שׁוֹפָר שׁוֹפָר בְּלָאזְן, מֵאִישׁ יָרֵא וְחָרֵד פון אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - בְּוַדַּאי לֹא יִדְאַג כָּל הַשָּׁנָה מֵרְעָמִים וֶועט אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פון דוּנֶערְן, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם דוּנֶער אִיז אוֹיסְצוּגְרָאדְן דִי הַארְץ, אַזוֹי וְוִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אִיז בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט דֶעם דוּנֶער בַּיים שׁוֹפָר בְּלָאזְן, און אִיז שׁוֹין נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן לִתְשׁוּבָה - פֶּעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס אַ פְּרִישֶׁע דוּנֶער אִים מְעוֹרֵר זַיין לִתְשׁוּבָה, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פון הֶערְן אַ דוּנֶער. מִיטְן פָארְן צוּם צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען שׁוֹין מַמְתִּיק אַלֶע דִּינִים, וַוייל וֶוער עֶס פָּארְט צוּם צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר וֶוייסְט וְוִי אַזוֹי אַרִיבֶּער צוּ גֵיין אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי נוּסַח הַתְּפִלָּה: 'בְּקוֹלוֹת וּבְרָקִים עֲלֵיהֶם נִגְלֵיתָ' מִיט גֶעשְׁרֵייעֶן און בְּלִיצְן הָאסְטוּ זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ דִי אִידְן, 'וּבְקוֹל שׁוֹפָר עֲלֵיהֶם הוֹפַעְתָּ' און מִיט אַ קוֹל פון שׁוֹפָר הָאסְטוּ זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ זֵיי, און דוּרְכְדֶעם זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט, זֶעט מֶען פון דֶעם שֶׁבְּקוֹל הַשּׁוֹפָר אַז דֶער קוֹל שׁוֹפָר הוֹפִיעַ עֲלֵיהֶם הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט, מִקּוֹלוֹת וּבְרָקִים פון דֶער דוּנֶער, אַז מֶען הֶערְט דֶעם קוֹל שׁוֹפָר דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶעם דוּנֶער.

*

**אִין** קוּרְצְן פון פְרִיעֶר, דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי תּוֹרָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זָאגְן 'בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, מִמֵּילָא אוֹיב אַזוֹי דַארְף אִיךְ נָאכְקוּקְן און זֶען אוֹיב עֶס פֶעלְט עֶפֶּעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָדֶער מֶען דַארְף עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, און אִיךְ דַארְף מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִי וֶועלְט.

**אוּן** עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן וְוִי אַזוֹי צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, פַאר דִי גְּזַר דִּין אִיז מֶען מִתְפַּלֵּל גֶעהֶערִיג, און נָאכְן גְּזַר דִּין דַארְף מֶען שׁוֹין בֶּעטְן אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם וֶועג, כְּדֵי דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אִין אוֹת ב', אַז מֶען קֶען וִויסְן צִי מֶען הַאלְט פַארְן גְּזַר דִּין אָדֶער נִישְׁט; דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה אַז עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם שָׂכָר, נָאר עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיין, וַוייל דִי מִצְוֹת זֶענֶען אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶערְשְׁטְן, מִמֵּילָא לוֹיט וִויפִיל שִׂמְחָה עֶר הָאט בַּיי דִי מִצְוֹת - אַזוֹיפִיל פְרֵייד הָאט יֶעצְט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער, מִמֵּילָא קֶען מֶען וִויסְן לוֹיט דִי שִׂמְחָה, צִי מֶען הַאלְט נָאךְ פַארְן גְּזַר דִּין אָדֶער נָאכְן גְּזַר דִּין.

**און** אִין אוֹת ג' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, הֱיוֹת דִי עִיקָר שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין הַארְץ, מִמֵּילָא קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן נָאר אוֹיב מֶען נֶעמְט קוֹדֶם אַוֶועק דִי קְרוּמְקֵייטְן וָואס מֶען הָאט בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, אַז מֶען הָאט אַ גְרָאדֶע הַארְץ קֶען מֶען הָאבְן שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט 'וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה'.

**ווִי** אַזוֹי גְרָאדְט מֶען אוֹיס דִי קְרוּמְקֵייטְן פוּן הַארְץ? דוּרְךְ אַ 'דוּנֶער'! וָואס דָאס פַּאסִירְט אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוֹיפְן קוֹל אוּן עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחַ אִינְזִין צוּ הָאבְן וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, וָואס דִי 'קוֹל' פוּן זַיין דַאוֶוענֶען קְלַאפְּט אָן אִין 'מֹחַ', אוּן לָאזְט זִיךְ הֶערְן אִין זַיין 'מֹחַ' אַזוֹי וִוי אַ 'דוּנֶער'.

**ד אֲבָל צָרִיךְ לְפַנּוֹת אֶת הַמֹּחִין מֵחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת וּמִמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת. מֵחָמֵץ שֶׁלֹּא יַחְמִיץ אֶת חָכְמָתוֹ בְּחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת וּבְתַאֲווֹת, כְּדֵי כְּשֶׁיּוֹצִיא אֶת הַקּוֹל וְיִפְגַּע בְּמֹחוֹ, יִתְעַבֵּד מִמֶּנּוּ רַעַם, אֲבָל כְּשֶׁגֻּלְגָּלְתָּא דְּמֹחָא אָטוּם בְּטֻמְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (וַיִּקְרָא

**ד יֶעצְט** גֵייט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אַז כְּדֵי דִי 'קוֹל' פוּן דָאס דַאוֶוענֶען וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ 'דוּנֶער' זָאל אָנְקוּמֶען אוּן אַרַיינְגֵיין רִיכְטִיג אִין זַיין 'מֹחַ' - דַארְף מֶען מַאכְן זִיכֶער צְווֵיי זַאכְן, אֵיינְס אַז זַיין 'מֹחַ' זָאל זַיין רֵיין אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם פַארְשְׁטָאפְּט, כְּדֵי עֶס זָאל דָארְט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין דֶער 'דוּנֶער'. צְווֵייטְנְס אַז דִי 'קוֹל' פוּנֶעם דוּנֶער זָאל זַיין אַ קְלָארֶע, לוֹיטֶערֶע, שְׁטַארְקֶע גוּטֶע קוֹל.

**אֲבָל צָרִיךְ לְפַנּוֹת אֶת הַמֹּחִין** אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אָבֶער אוֹיסְלֵיידִיגְן זַיין מֹחַ **מֵחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת וּמִמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת** פוּן פְרֶעמְדֶע חָכְמוֹת אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, **מֵחָמֵץ** פוּן חָמֵץ; דָאס וָוארְט חָמֵץ מֵיינְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, **שֶׁלֹּא יַחְמִיץ אֶת חָכְמָתוֹ בְּחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת וּבְתַאֲווֹת** עֶר זָאל נִישְׁט לָאזְן זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן חָמֵץ'דִיג מִיט פְרֶעמְדֶע חָכְמוֹת אוּן תַּאֲווֹת, דָאס הֵייסְט - נִישְׁט לָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, **כְּדֵי כְּשֶׁיּוֹצִיא אֶת הַקּוֹל וְיִפְגַּע בְּמֹחוֹ, יִתְעַבֵּד מִמֶּנּוּ רַעַם** כְּדֵי אַז וֶוען זַיין קוֹל וֶועט בַּאגֶעגֶענֶען זַיין מֹחַ, זָאל וֶוערְן דֶערְפוּן אַ דוּנֶער, וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל וֶוערְן פוּן דִי קוֹל אַ דוּנֶער, **אֲבָל כְּשֶׁגֻּלְגָּלְתָּא דְּמֹחָא** אָבֶער אַז דֶער מֹחַ **אָטוּם בְּטֻמְאָה** אִיז פַארְשְׁטָאפְּט

**י"א): "וְנִטְמֵתֶם בָּם", אֲזַי אֵין קוֹלוֹ נִשְׁמָע.**

**גַּם יִשְׁמֹר יִרְאָתוֹ, שֶׁמִּמֶּנּוּ תּוֹצְאוֹת הַקּוֹל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו", שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ יִרְאָה חִיצוֹנִית, וְזֶה (אָבוֹת פֶּרֶק ג): 'אִם אֵין חָכְמָה אֵין יִרְאָה; אִם אֵין יִרְאָה אֵין חָכְמָה.**

מִיט טוּמְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא יא, מג): 'וְנִטְמֵתֶם בָּם' עֶנְק וועלְן ווערְן טָמֵא מִיט עֲבֵירוֹת, [דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַּרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (יוֹמָא לט.): 'עֲבֵירָה מְטַמְטֶמֶת לִבּוֹ שֶׁל אָדָם' עֲבֵירוֹת פַארְשְׁטָאפְּט דִי הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט 'וְנִטְמֵתֶם בָּם', עֶס שְׁטֵייט אָן דֶעם אוֹת א', עֶס לֵיינְט זִיךְ 'וְנִטַמְתֶּם', זָאגְט דִי גְמָרָא, 'אַל תִּקְרֵי וְנִטְמֵאתֶם אֶלָּא וְנִטַמְתֶּם' אִיר וֶועט פַארְשְׁטָאפְּט וֶוערְן], אֲזַי אֵין קוֹלוֹ נִשְׁמָע דֶעמָאלְט הֶערְט מֶען נִישְׁט דִי קוֹל, ווייל ווֶען דִי מֹחַ אִיז פַארְשְׁטָאפְּט קֶען נִישְׁט ווֶערְן קַיין דוּנֶער, אוּן עֶס ווֶערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעגְלַייכְט דָאס הַאַרְץ.

**גַּם יִשְׁמֹר יִרְאָתוֹ** אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁרֶעקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **שֶׁמִּמֶּנּוּ תּוֹצְאוֹת הַקּוֹל** ווייל פוּן יִרְאָה קוּמְט דֶער קוֹל, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט **'וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו'** דֶער דוּנֶער אִיז פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס שְׁטַארְקְקֵייט, דֶער דוּנֶער מַאכְט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן, אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג'), אַז דֶער 'קוֹל' קוּמְט פוּן 'יִרְאָה', דָאס הֵייסְט פוּן דֶעם 'דוּנֶער' ווָאס וַוארְפְט אַ 'יִרְאָה' אוּן אַ מוֹרָא, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן **שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ יִרְאָה חִיצוֹנִית** מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווֶען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, מֶען ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ – פַאלְט אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁרֶעק, מֶען הָאט פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא.

**דִי רֶבִּי שְׁטֶעלְט אַוֶועק** אַ יְסוֹד אַז דִי 'קוֹל' קוּמְט פוּן דִי 'יִרְאָה', מִמֵּילָא אַז מֶען הָאט דִי רִיכְטִיגֶע 'יִרְאָה', קֶען דִי 'קוֹל' ווָאס אִיז 'יִרְאָה' אַרַיינְדְרִינְגֶען אִינֶעם מֹחַ אִין מַאכְן דָארְט אַ דוּנֶער אִינֶעם מֹחַ. אָבֶער דָאס אַלֶעס אִיז בִּתְנַאי אַז דֶער 'מֹחַ מַחֲשָׁבָה' אִיז נִישְׁט פַארְשְׁטָאפְּט מִיט 'פְרֶעמְדֶע חָכְמוֹת אוּן תַּאֲווֹת' וַוייל אוֹיב דֶער מֹחַ אִיז יָא פַארְשְׁטָאפְּט, גֵייט נִישְׁט אַרַיין דָארְט אִינֶעם מֹחַ דִי קוֹל, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיב דִי 'קוֹל', דָאס הֵייסְט דִי 'יִרְאָה' – אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג, מֶען הָאט מוֹרָא פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְהֶערְט זִיךְ נִישְׁט דֶער 'קוֹל' אִינֶעם מֹחַ, וַוייל דִי 'קוֹל' דָאס מֵיינְט מֶען דִי 'יִרְאָה' – אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג.

**וְזֶה** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט ווָאס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה ז): **'אִם אֵין חָכְמָה'** אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חָכְמָה, דִי 'מֹחַ מַחֲשָׁבָה' אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, **'אֵין יִרְאָה'** אִיז נִישְׁטָא קַיין יִרְאָה, ווָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן 'קוֹל', דָאס הֵייסְט דִי קוֹל קֶען נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם פַארְשְׁטָאפְּטְן מֹחַ צוּ לָאזְן הֶערְן דָארְט דֶעם 'דוּנֶער'; אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, **'אִם אֵין יִרְאָה אֵין חָכְמָה'**

**וְזֶהוּ** (שַׁבָּת נו: וּבְסַנְהֶדְרִין כא:): **'יָרַד גַּבְרִיאֵל וְנָעַץ קָנֶה בַּיָּם'. פֵּרוּשׁ: מֵהִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַגְּבוּרוֹת, הַיְנוּ יִרְאָה חִיצוֹנִית, נָעַץ קָנֶה בַּיָּם הַחָכְמָה. קָנֶה דָּא בְּחִינַת קוֹל הַיּוֹצֵא מֵהַקָּנֶה. הַיְנוּ עַל־יְדֵי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַגְּבוּרוֹת, שֶׁהִיא בְּחִינַת סוּסְפִיתָא דְּדַהֲבָא, יִרְאָה חִיצוֹנִית, נִשְׁאָר הַקּוֹל נָעוּץ בַּאֲטִימַת הַשֵּׂכֶל, וְלֹא יִשְׁתַּמַּע לִבְרִיָּתָא.**

אויב עס איז נישטא קיין יִרְאָה, מען האט נישט מורא פונעם אייבערשטן, ממילא איז דער פראבלעם מיטן 'קול', קומט עס ווייטער נישט אן ריכטיג אין מח, ווייל עס איז דא א פראבלעם מיטן 'קול', ממילא איז נישטא קיין חָכְמָה, ווייל יִרְאָה און חָכְמָה זענען אנגעהאנגען איינס אינעם צווייטן; ווייל נאר אז דער מח איז ריין פון שלעכטע זאכן איז דא יִרְאַת שָׁמַיִם, און נאר אז עס איז דא יִרְאַת שָׁמַיִם איז דא חָכְמָה. ממילא אז עס פעלט איינס פון די צוויי, בלייבט די הארץ פארקרומט, און די מח פארשטאפט - מיט פרעמדע חָכְמוֹת און פרעמדע שרעק.

**וְזֶהוּ** און דאס איז וואס די הייליגע חֲכָמִים זאגן (שַׁבָּת נו: וּבְסַנְהֶדְרִין כא:) ווען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ האט חֲתוּנָה געהאט מיט פַּרְעֹה'ס טאכטער, 'יָרַד גַּבְרִיאֵל' איז דער מַלְאָךְ גַּבְרִיאֵל אראפגעקומען, 'וְנָעַץ' און ער האט אריינגעשטעקט 'קָנֶה בַּיָּם' א שטעקן אינעם וואסער, און עס איז געווארן דארט אן אינזל, און דארט איז געווארן די גרויסע שטאט רוים, וואס זיי האבן חָרוּב געמאכט דעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**דער** רבי טייטשט אריין וואס מען האט פריער אויסגעשמועסט אז אויב מען האט מורא נאר פונעם אייבערשטן, איז מען זוכה צו חָכְמָה, פֵּרוּשׁ דאס טייטשט 'יָרַד גַּבְרִיאֵל' - גַּבְרִיאֵל איז דאך מִידַּת גְּבוּרָה, אויב איז 'יָרַד גַּבְרִיאֵל', עס גייט אראפ די גְּבוּרָה פון קְדוּשָּׁה צו טוּמְאָה, דאס מיינט מען **מֵהִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַגְּבוּרוֹת** פון וואו די גְּבוּרָה קומט, **הַיְנוּ יִרְאָה חִיצוֹנִית** מען האט מורא פון פרעמדע זאכן, פאסירט **נָעַץ קָנֶה בַּיָּם הַחָכְמָה,** עס ווערט פארשטאפט די חָכְמָה, מען פארלירט דעם קול, ווייל **קָנֶה דָּא בְּחִינַת** קול דאס ווארט 'קָנֶה' מיינט מען דעם קול - **הַיּוֹצֵא מֵהַקָּנֶה** וואס קומט ארויס פונעם קָנֶה, פונעם רער, **הַיְנוּ** דאס זאגן אונז די חֲכָמִים **עַל יְדֵי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַגְּבוּרוֹת** דורכדעם וואס מען פירט אראפ די מִידַּת גְּבוּרָה, מען האט מורא פון אנדערע זאכן, **שֶׁהִיא** וואס דאס איז - **בְּחִינַת סוּסְפִיתָא דְּדַהֲבָא** די אָפְּפאל פון גאלד, ווייל גאלד ווייזט אויף יִרְאָה, און די אָפְּפאל פון גאלד דאס איז ווען מען האט מורא פון מענטשן וְכוּ', מען האט **יִרְאָה חִיצוֹנִית** פרעמדע שרעק, טייטשט דער רבי 'יָרַד גַּבְרִיאֵל, וְנָעַץ קָנֶה בַּיָּם', אויב די גְּבוּרָה האט א יְרִידָה, מען שרעקט זיך פרעמדע שרעק, וואס פאסירט? **נִשְׁאָר הַקּוֹל נָעוּץ** בלייבט די קול פארשטאפט, **בַּאֲטִימַת הַשֵּׂכֶל** מיט א פאר'תמ'טע שכל, **וְלֹא יִשְׁתַּמַּע לִבְרִיָּתָא** און מען נעמט נישט אן זיינע ווערטער.

**אויב** מען ווויל זוכה זיין צו וואס מען האט ביז אהער גערעדט, צו האבן

**וְעִקָּר לִשְׁמֹר מֹחוֹ שֶׁלֹּא יַחְמִיץ, וְזֶהוּ** (תְּהִלִּים ס"ח): **"גְּעַר חַיַּת קָנֶה", כִּדְאִיתָא בַּזֹּהַר** (פִּינְחָס רנ"ב): **קָנֶה חֵי"ת תְּשַׁבֵּר וְתַעֲשֶׂה מִמֶּנָּה הֵ"א, וְתַעֲשֶׂה מֵאוֹתִיּוֹת חָמֵץ — מַצָּה, הַיְנוּ שֶׁלֹּא תַּחְמִיץ חָכְמָתְךָ.**

**וְזֶהוּ לְשׁוֹן גְּעַר — לְשׁוֹן מְרִיבָה, כִּי מַצָּה — לְשׁוֹן מְרִיבָה. דְּצַדִּיקַיָּא עָבְדִין מַצּוּתָא בְּסִטְרִין אָחֳרָנִין, דְּלָא יִתְקָרִיבוּ לְמִשְׁכְּנָא דִּקְדֻשָּׁה. הַיְנוּ כְּשֶׁתִּשְׁמֹר אֶת חָכְמָתְךָ שֶׁלֹּא יִכָּנֵס בּוֹ חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, שֶׁלֹּא תְּהַרְהֵר בְּהִרְהוּרִים רָעִים, שֶׁהֵם בְּחִינַת קָנֶה דְּסִטְרָא אָחֳרָא, כְּנֶגֶד 'קְנֵה חָכְמָה קְנֵה**

אַ רֵיינֶע יִרְאָה, נָאר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען אוֹיסְגְלַייכְן דִי פַארְדְרֵייטֶע זַאכְן פוּן הַארְץ, און זוֹכֶה זַיין דוּרְכְדֶעם צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען בְּקוֹל וּבְכֹחַ, און זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אָן וֶועלְן בַּאקוּמֶען שְׂכַר, נָאר טוּן דִי מִצְוֹת פוּן לִיבְשַׁאפְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי - וְעִקָּר לִשְׁמֹר מֹחוֹ שֶׁלֹּא יַחְמִיץ מוּז מֶען הִיטְן דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן זוֹיעֶר מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶען דַארְף אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְזֶהוּ און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים סח, לא): 'גְּעַר חַיַּת' שְׁרֵיי אָן עֲמָלֵק, וָואס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּם חֲזִיר פוּן וַואלְד, 'קָנֶה' וֶועלְכֶער וואוֹינְט צְוִוישְׁן קֵיינֶעס (בַּאמְבּוּ); טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אוֹיס, כִּדְאִיתָא בַּזֹּהַר אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פִּינְחָס רנב.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק, 'קָנֶה חֵי"ת תְּשַׁבֵּר' צֶעבְּרֶעךְ דֶעם שְׁטֶעקְן פוּנֶעם אוֹת ח, 'וְתַעֲשֶׂה מִמֶּנָּה הֵ"א' און מַאךְ פוּן אוֹת ח' - אוֹת ה', וַוייל דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן אוֹת ח און אוֹת ה אִיז אַ קְלֵיין בְּרֶעקְל, אַז מֶען קְרַאצְט אָפּ אַ קְלֵיין בְּרֶעקְל פוּן דִי שְׁטֶעקְן

וֶוערְט אוֹת ה, וְתַעֲשֶׂה און עֶס וֶועט וֶוערְן מֵאוֹתִיּוֹת חָמֵץ פוּן דִי אוֹתִיּוֹת 'חָמֵץ' - מַצָּה 'מַצָּה', דֶער חִילוּק פוּן דִי וָוארְט 'חָמֵץ' און 'מַצָּה' אִיז אַ קְלֵיין פִּינְטְל, דָאס מֵיינְט - הַיְנוּ שֶׁלֹּא תַּחְמִיץ חָכְמָתְךָ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן אֲפִילוּ אַ קְלֵיין פִּינְטְל פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס און טוּט אַלֶעס.

וְזֶהוּ לְשׁוֹן גְּעַר דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן 'גְּעַר', לְשׁוֹן מְרִיבָה אַ לָשׁוֹן פוּן קְרִיגֶערֵיי, כִּי מַצָּה אוֹיךְ דִי וָוארְט 'מַצָּה' - לְשׁוֹן מְרִיבָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זִיךְ קְרִיגְן, דְּצַדִּיקַיָּא וַוייל דִי צַדִּיקִים עָבְדִין מַצּוּתָא מַאכְן אַ קְרִיגֶערֵיי בְּסִטְרִין אָחֳרָנִין מִיט דִי סִטְרָא אַחֲרָא, דְּלָא יִתְקָרִיבוּ זֵיי זָאלְן נִישְׁט נָאנְט קוּמֶען לְמִשְׁכְּנָא דִּקְדֻשָּׁה צוּ דִי קְדוּשָּׁה; הַיְנוּ וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס? כְּשֶׁתִּשְׁמֹר אֶת חָכְמָתְךָ וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, שֶׁלֹּא יִכָּנֵס בּוֹ חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן אִין זֵיי פְרֶעמְדֶע חָכְמוֹת, שֶׁלֹּא תְּהַרְהֵר זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן, בְּהִרְהוּרִים רָעִים שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת קָנֶה דְּסִטְרָא אָחֳרָא וָואס דָאס אִיז דִי שְׁטֶעקְן פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, כְּנֶגֶד וָואס אִיז

אַנְטְקֶעגְן 'קְנֵה חָכְמָה' דִי שְׁטֶעקְן פוּן חָכְמָה, 'קְנֵה בִּינָה' דִקְדֻשָּׁה און פוּן דִי שְׁטֶעקְן פוּן בִּינָה פוּן דִי קְדוּשָׁה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַיינְקוֹיפְן הֵיילִיגֶע 'חָכְמָה' און 'פַארְשְׁטַאנְד', אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ד, ה): 'קְנֵה חָכְמָה קְנֵה בִינָה'.

**עַל יְדֵי זֶה** דורְכְדֶעם, **תִּנָּצֵל** וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט ווערן - **מִבְּחִינַת חָמֵץ** פוּן זַיין זוֹיעֶר און דֶערבִּיטֶערְט, **שֶׁהִיא סִטְרָא דְמוֹתָא** וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ טוֹיט. **כִּדְאִיתָא** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פִּינְחָס, שָׁם) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת יב, כ): '**מַחְמֶצֶת**' מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן חָמֵץ אוּם פֶּסַח, **תַּמָּן סִטְרָא דְמוֹתָא** דָאס אִיז דִי זַייט פוּן טוֹיט, וַוייל דֶער חִילוּק פוּן חָמֵץ און מַצָּה אִיז דָאס שְׁנֶעלְקֵייט ווִי לַאנְג מֶען מַאכְט עֶס; חָמֵץ לָאזְט מֶען שְׁטֵיין און עֶס בְּלָאזְט זִיךְ אוֹיף, אָבֶער מַצָּה וֶוערְט גֶעמַאכְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁנֶעלְקֵייט, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּיי דִי מַחֲשָׁבוֹת; מֶען טָאר עֶס נִישְׁט לָאזְן שְׁטֵיין, דָאס הֵייסְט מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, נָאר אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת בְּסוֹף סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): 'דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן', אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן דִי עֲבֵירוֹת, נָאר תְּשׁוּבָה טוּן און וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן.

**בִּינָה' דִקְדֻשָּׁה, עַל־יְדֵי־זֶה תִּנָּצֵל מִבְּחִינַת חָמֵץ, שֶׁהִיא סִטְרָא דְמוֹתָא, כִּדְאִיתָא מַחְמֶצֶת, תַּמָּן סִטְרָא דְמוֹתָא.**

**וְתַאֲמִין, כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים, אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיִּגָּרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין.**

אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן טַייטְשְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (פְּסָחִים ה:): 'שֶׁלְּךָ אִי אַתָּה רוֹאֶה', דַיין אֵייגֶענֶע חָמֵץ טָארְסְטוּ נִישְׁט זֶען, וַוייל אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חָמֵץ בִּיסְטוּ עוֹבֵר אוֹיף דִי לַאו פוּן בַּל יֵרָאֶה וּבַל יִמָּצֵא, 'אֲבָל אַתָּה רוֹאֶה שֶׁל אֲחֵרִים', זָאגְט רֶבִּי נָתָן פְּשַׁט, אַז אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי עֲבֵירָה, עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן דַיינְס, נָאר טוּ תְּשׁוּבָה און גֵיי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דִי עֲבֵירָה, דִי חָמֵץ - זָאל נִישְׁט זַיין 'שֶׁלְּךָ', דַיינְס (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת נְזִיקִין הֲלָכָה ד, אוֹת ה).

**וְתַאֲמִין** און דוּ זָאלְסְט גְלֵייבְּן, **כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים** אַז אַלֶע מַחֲלֹקֶת און קְרִיגֶערַייעֶן וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי אֱמֶת'ֶע צַדִּיקִים, **אֵין זֶה אֶלָּא** דָאס אִיז נִישְׁט פַאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, נָאר **כְּדֵי שֶׁיִּגָּרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין** דִיךְ צוּ פַארְטְרַייבְּן פוּן זֵיי, וַוייל וָוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם טִפֵּי הַמֹּחַ לְבַטָּלָה, קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן און אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי עֲבֵירָה, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית מַאכְט הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי הַארְץ וֶוערְט פַארְדְרֵייט, דִי מֹחַ וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט און מֶען אִיז גוֹרֵם אַז עֶס זָאל קוּמֶען שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת אוֹיף זִיךְ און אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי עֲבֵירָה אִיז אַזוֹי

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** (מִשְׁלֵי ט"ו): **"אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין" — לְשׁוֹן תְּלוּנָה וּמְרִיבָה. כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה, עַל שֶׁפָּגַמְתָּ בְּטִפֵּי מֹחֲךָ, שֶׁעַל זֶה נֶאֱמַר** (מִשְׁלֵי ב): **"כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן, וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים", שֶׁאַתָּה**

בִּיטֶער אַז דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.): 'מַאן דְּאוֹשִׁיד זַרְעֵיהּ בְּרֵיקַנְיָא' וֶוער אִיז אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה – הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, 'לָא עָאל לְפַרְגּוֹדָא' עֶר קֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן, 'וְלָא חָמֵי סְבַר אַפֵּי עַתִּיק יוֹמִין' אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען זֶען דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה, אָבֶער דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדֶע נְשָׁמָה, שִׁיקְט עֶר אוּנְז זַייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס זַיי הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ אֲפִילוּ צוּ גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת וָואס אַלֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען פוּן זַיי, עֶר זָאל זַיי וַוייזְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיי גֶעבְּן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן וֶוערְט אַ מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים, מֶען רֶעדְט כָּל דָּבָר אָסוּר אוֹיף דִי צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען בְּכֹּחַ צוּ מְתַקֵּן זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל פַארְשְׁטָאפְּט עֶר זַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן הֶערְט נִישְׁט דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע וְכוּ' וְכוּ' וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, עֶר קוּמְט צוּם צַדִּיק אוּן דֶער צַדִּיק אִיז אִים מְתַקֵּן, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה הֶערְט עֶר אוֹיס דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי צַדִּיקִים, 'לָא עָאל לְפַרְגּוֹדָא' קוּמְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין גַן עֵדֶן, 'וְלָא חָמֵי סְבַר אַפֵּי עַתִּיק יוֹמִין' אוּן עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה, צוּלִיב דִי מַחֲלֹקֶת.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי טו, לא): **'אֹזֶן שֹׁמַעַת'** אַן אוֹיעֶר וָואס הֶערְט 'תּוֹכַחַת חַיִּים' דִי שְׁטְרָאף רֵייד וָואס בְּרֶענְגְט לֶעבְּן – 'בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין' וֶועט נֶעכְטִיגְן צְוִוישְׁן דִי חֲכָמִים – צוּ הֶערְן נָאךְ חָכְמָה אוּן מוּסָר, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי נָאךְ אַ פְּשַׁט, דִי וֶוערְטֶער 'בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלוּן' לְשׁוֹן תְּלוּנָה וּמְרִיבָה אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: **כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים** וֶוען דוּ הֶערְסְט קְרִיגֶערֵייעֶן צְוִוישְׁן צַדִּיקִים, **תֵּדַע** זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִיר, **שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ** מֶען גֶעבְּט דִיר צוּ הֶערְן, **תּוֹכָחָה** שְׁטְרָאף רֵייד, **עַל שֶׁפָּגַמְתָּ** אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען – **בְּטִפֵּי מֹחֲךָ** אִין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, **שֶׁעַל זֶה נֶאֱמַר** וָואס אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה שְׁטֵייט – (מִשְׁלֵי ב, יט): **'כָּל בָּאֶיהָ'** אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּ אִיר, **'לֹא יְשׁוּבוּן'** קֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק שְׁנֶעל [עֶס אִיז שְׁוֶוער אָפְּצוּוָואשְׁן דִי שְׁלֶעכְטְס], **'וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים'** אוּן זַיי קֶענֶען נִישְׁט דֶערְגְרַייכְן דִי וֶועגְן וָואס בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבִּיגְן לֶעבְּן; וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית קֶען שׁוֹין נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק 'בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין' דִי מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים, 'אֹזֶן שֹׁמַעַת

**דָבוּק בְּסִטְרָא דְמוֹתָא, בְּחִינַת חָמֵץ, בְּחִינַת יָרַד גַּבְרִיאֵל וְכוּ'.**

**וְתֵדַע** שֶׁנָּעַץ קָנֶה, הַיְנוּ חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת נְעוּצִים בְּיַם חָכְמָתְךָ, וּבְוַדַּאי אִם לֹא הָיָה נִפְגָּם מֹחֲךָ, לֹא הָיָה נִשְׁמָע לְךָ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים, וְאֵין הַמְּרִיבָה אֶלָּא בִּשְׁבִילְךָ, כְּדֵי שֶׁתָּשׁוּב מִמָּוֶת לְחַיִּים, מֵחָמֵץ לְמַצָּה, מֵחֵי"ת לְהֵ"א, וְתָשׁוּב מִיִּרְאָה רָעָה, מִקּוֹל פָּגוּם, מֵחָכְמָה פְּגוּמָה לְיִרְאָה טוֹבָה, לְקוֹל טוֹב, לְחָכְמָה טוֹבָה. וּכְשֶׁתִּשְׁמֹר אֶת מֹחֲךָ מִבְּחִינַת חָמֵץ, שֶׁלֹּא יִהְיֶה אָטוּם, אֲזַי יִפְגַּע קוֹלְךָ בְּגֻלְגָּלְתְּךָ, וְיִתְעַבֵּד רַעַם, וְיִתְפַּשֵּׁט עַקְמוּמִיּוּת שֶׁבְּלִבְּךָ, וְאָז תִּזְכֶּה לְשִׂמְחָה,

תּוֹכַחַת חַיִּים' דָאס אִיז תּוֹכֵחָה פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועג, **שֶׁאַתָּה דָבוּק בְּסִטְרָא דְמוֹתָא** אַז עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וָואס דִי וֶועג פִירְט צוּם טוֹיט, **בְּחִינַת חָמֵץ** עֶר אִיז מְיוּאָשׁ מִיט דִי עֲבֵירוֹת אוּן דֶערְבִּיטֶערְט אוּן פַארְזוֹיעֶרְט אַזוֹי ווִי חָמֵץ, וָואס דָאס אִיז **בְּחִינַת 'יָרַד גַּבְרִיאֵל' וְכוּ'** אַז דִי מִדַּת הַגְּבוּרָה הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט בַּיי אִים, ווייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אִין אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶע גִיסְטֶע מִיט כַּעַס אוּן גְּבוּרָה (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט).

**וְתֵדַע** אוּן דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז דִי ווֶערְטֶער **'שֶׁנָּעַץ קָנֶה'** 'נָעַץ קָנֶה' וָואס שְׁטֵייט בַּיי גַּבְרִיאֵל, ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט **הַיְנוּ** דָאס מֵיינְט, **חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת נְעוּצִים בְּיַם חָכְמָתְךָ** אַז מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, **וּבְוַדַּאי** אוּן דָאס אִיז זִיכֶער, **אִם לֹא הָיָה נִפְגָּם מֹחֲךָ** אוֹיב וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם טִפֵּי הַמֹּחַ - **לֹא הָיָה נִשְׁמָע לְךָ** וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעהֶערְט **מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים** קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן צַדִּיקִים, **וְאֵין הַמְּרִיבָה אֶלָּא בִּשְׁבִילְךָ** אוּן דִי קְרִיגֶערַיי וָואס דוּ הֶערְסְט יָא אִיז נָאר צוּלִיב דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, **כְּדֵי שֶׁתָּשׁוּב מִמָּוֶת לְחַיִּים** זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן פוּן טוֹיט צוּ לֶעבְּן, **מֵחָמֵץ לְמַצָּה** פוּן חָמֵץ צוּ מַצָּה, **מֵחֵי"ת לְהֵ"א** מַאכְן פוּן אוֹת ח אוֹת ה, **וְתָשׁוּב מִיִּרְאָה רָעָה** אוּן אָפְּלָאזְן דִי פְּחָדִים פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, **מִקּוֹל פָּגוּם** פוּן אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע קוֹל, **מֵחָכְמָה פְּגוּמָה** פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - **לְיִרְאָה טוֹבָה** זָאלְסְטוּ מוֹרָא הָאבְּן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **לְקוֹל טוֹב** אַזוֹי וֶועט זַיין אַ גוּטֶע קוֹל, **לְחָכְמָה טוֹבָה** וֶועט נָאכְדֶעם זַיין נָאר רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, **וּכְשֶׁתִּשְׁמֹר אֶת מֹחֲךָ מִבְּחִינַת חָמֵץ שֶׁלֹּא יִהְיֶה אָטוּם** אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה עֶס זָאל נִישְׁט ווערְן אָנְגֶעשְׁטָאפְּט מִיט דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן הֶעצֶערַייעֶן פוּן דִי וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִּיקִים - דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, **אֲזַי יִפְגַּע קוֹלְךָ בְּגֻלְגָּלְתְּךָ** מִמֵּילָא אַז דוּ וֶועסְט דַאוֶונֶען אוֹיפְן קוֹל וֶועט דִי קוֹל אַרוֹיפְגֵיין אִינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה, **וְיִתְעַבֵּד רַעַם** אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ דוּנֶער, **וְיִתְפַּשֵּׁט עַקְמוּמִיּוּת שֶׁבְּלִבְּךָ** אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעגְלִיכְן דִי פַארְדְרֵייטֶע זַאכְן פוּן הַארְץ, **וְאָז תִּזְכֶּה לְשִׂמְחָה** דֶעמָאלְט

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה",

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** (תְּהִלִּים פ"א): "**אֶעֶנְךָ בְּסֵתֶר רַעַם, אֶבְחָנְךָ עַל מֵי מְרִיבָה סֶלָה**", '**מֵי מְרִיבָה**' זֶה בְּחִינַת מַצָּה, בְּחִינַת מֹחִין. עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה רְעָמִים:

וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים צז, יא): 'וּלְיִשְׁרֵי לֵב' אוּן פַאר דִי גְלַייכֶע הֶערְצֶער, 'שִׂמְחָה' אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פְרֵייד; וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען טוּט דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פא, ח): 'אֶעֶנְךָ בְּסֵתֶר רַעַם' אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט, מִיט אַ קוֹל פוּן שְׁטוּרֶעם, 'אֶבְחָנְךָ עַל מֵי מְרִיבָה סֶלָה' כָאטְשׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיסְגֶעפְּרוּאוּוט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט פָּארְאוֹיס אַז דוּ וֶועסְט זִינְדִיגְן בַּיי מֵי מְרִיבָה, דָאךְ הָאבּ אִיךְ דִיר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן, אַזוֹי וִוי מַיין פִּירוּנְג אִיז שְׁטֶענְדִיג [- צוּ הֶעלְפְן אִין אַ צָרָה, אֲפִילוּ אִיךְ וֵוייס אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט שְׁפֶּעטֶער זִינְדִיגְן], זָאגְט דֶער רֶבִּי נָאךְ אַ פְּשָׁט, 'מֵי מְרִיבָה' זֶה בְּחִינַת מַצָּה 'מֵי מְרִיבָה' אִיז מְרַמֵּז אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי סִטְרָא אַחֲרָא, בְּחִינַת מֹחִין מֶען ווִיל רֵיינֶע מוֹחִין, מֶען פַארְטְרַייבְּט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה רְעָמִים דוּרְכְדֶעם וֶוערְן דוּנֶערְן.

*

**אִין** דֶעם פָּסוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָא (תְּהִלִּים פא, ח): 'אֶעֶנְךָ בְּסֵתֶר רַעַם אֶבְחָנְךָ עַל מֵי מְרִיבָה סֶלָה' - לִיגְט שׁוֹין מְרוּמָז דִי גַאנְצֶע מַאֲמָר בִּיז אַהֶער, וַוייל דָארְט אִין אָנְהוֹיבּ פָּסוּק שְׁטֵייט קוֹדֶם דִי וֶוערְטֶער: 'בַּצָּרָה קָרָאתָ וָאֲחַלְּצֶךָּ', וָואס דִי פְּשָׁט אִיז, וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אַ צָרָה אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאךְ דִי גְּזַר דִין הָאבּ אִיךְ דִיךְ נָאכאַלְץ גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען? דוּרְכְדֶעם וָואס 'אֶעֶנְךָ' אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִי תְּפִלָּה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן - 'בְּסֵתֶר' בַּאהאלְטֶענֶערְהֵייט, דוּרְךְ מַלְבִּישׁ זַיין דִי תְּפִלָּה אִין אַ מַאֲמָר. אוּן דָאס אִיז 'רַעַם', וַוייל דוּ הָאסְט דֶערְהֶערְט דִי 'דוּנֶער', דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ גְלַייכֶע הַארְץ, מִמֵּילָא הָאסְטוּ גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין הַארְץ, אוּן ווִיסְן בַּיי וֶועלְכֶע שְׁטַאפְּל דִי גְזֵירָה הַאלְט, כְּדֵי צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, 'אֶבְחָנְךָ' אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר דָאס אוֹיסְפְּרוּבִּירְט, 'עַל מֵי מְרִיבָה סֶלָה' דוּרְךְ דִי קְרִיגֶערֵייעֶן וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן דִי צַדִּיקִים, אוּן דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ רֵיינֶע מֹחַ אַזוֹי ווִי מַצָּה, אוּן דוּ בִּיסְט נִישְׁט מְבוּלְבָּל גֶעוָוארְן פוּן דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן דִי צַדִּיקִים, דוּרְכְדֶעם הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן צוּ דֶערְהֶערְן דֶעם 'דוּנֶער', מִמֵּילָא אִיז דַיין הַארְץ אוֹיסְגֶעגְרָאדְט גֶעוָוארְן, אוּן דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שִׂמְחָה, מִמֵּילָא הָאסְטוּ גֶעקֶענְט ווִיסְן לוֹיט דִי שִׂמְחָה צִי מֶען הַאלְט פַאר דִי גְּזַר דִין אָדֶער נָאךְ דֶעם גְּזַר דִין.

**ה וְתֵדַע**, שֶׁצָּרִיךְ לְשַׁתֵּף הַגְּבוּרוֹת בַּחֲסָדִים, **שְׂמֹאלָא בִּימִינָא**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים כ): "בִּגְבוּרוֹת יֵשַׁע יְמִינוֹ", כִּי עִקַּר הִתְגַּלּוּת עַל יְדֵי הַחֲסָדִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ק"י): "שֵׁב לִימִינִי".

**וְכֵן** צָרִיךְ לְשַׁתֵּף הָאַהֲבָה עִם הַיִּרְאָה, כְּדֵי שֶׁיִּתְעַבֵּד רְעָמִים, וְזֶה מִסִּטְרָא דִימִינָא, **מֹחָא חִוָּרָא כְּכַסְפָּא** (תִּקּוּן ע). וְזֶה "וַיָּשָׁב הַיָּם", הַיְנוּ יָם הַחָכְמָה,

**ה וְתֵדַע** און וויסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁצָּרִיךְ לְשַׁתֵּף הַגְּבוּרוֹת וֶוען מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מִידַת גְּבוּרָה, מֶען דַאוֶוענְט בְּכֹחַ וּבְקוֹל - מוּז דָאס גֵיין אִינְאֵיינֶעם בַּחֲסָדִים, מִיט אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - **שְׂמֹאלָא בִּימִינָא** מִיט בֵּיידֶע מִידוֹת, סַיי מִיט לִינְקְס - מִידַת הַגְּבוּרָה, און סַיי מִיט רֶעכְטְס - מִידַת הַחֶסֶד, אַהֲבַת הַשֵּׁם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, (תְּהִלִּים כ, ז): 'בִּגְבוּרוֹת יֵשַׁע יְמִינוֹ' מִיט דִי שְׁטַארְקֶע הִילְף פון זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט; עֶס דַארְף גֵיין מִיט בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם, כִּי עִקַּר הִתְגַּלּוּת ווִי אַזוֹי קֶען דִי שְׁטַארְקֶע דוּנֶערְן (גְּבוּרָה) אוֹיפְשְׁטָאפְּן דִי מֹחַ? עַל יְדֵי הַחֲסָדִים דוּרְךְ לִיבְּשַׁאפְט און חֶסֶד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ (שָׁם קי, א): 'שֵׁב לִימִינִי' וַוארְט אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, וָואס וֶועט קוּמֶען דוּרְךְ מַיין רֶעכְטֶע הַאנְט, וָואס אִיז מִידַת הַחֶסֶד, [דָארְט אִין פָּסוּק שְׁטֵייט: 'נְאֻם הַוָיָ"ה לַאדֹנִי' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מַיין הַאר אַבְרָהָם, 'שֵׁב לִימִינִי' זִיץ און וַוארְט רוּאִיג אוֹיף דִי יְשׁוּעָה וָואס אִיךְ וֶועל דִיר בְּרֶענְגֶען מִיט מַיין רֶעכְטֶע הַאנְט (מִידַת הַחֶסֶד), 'עַד אָשִׁית אֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ' אִיךְ וֶועל צֶעדְרוּקְן דַיינֶע פַיינְט אוּנטֶער דַיינֶע פִּיס. דָאס הֵייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן גְּבוּרוֹת (מִידַת הַגְּבוּרָה) דוּרְךְ זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט וָואס אִיז מִידַת הַחֶסֶד, און דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָא אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן, אַז מֶען דַארְף צַאמְשְׁטֶעלְן דִי 'גְבוּרוֹת' מִיט 'חֲסָדִים'], אַז מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט און חֶסֶד אַזוֹי ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ, שְׁטָאפְּט מֶען אוֹיף דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

**וְכֵן** צָרִיךְ לְשַׁתֵּף הָאַהֲבָה עִם הַיִּרְאָה און מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט לִיבְּשַׁאפְט און סַיי מִיט יִרְאָה און הַכְנָעָה, כְּדֵי שֶׁיִּתְעַבֵּד רְעָמִים אַז עֶס זָאל וֶוערְן פון זַיין דַאוֶוענֶען אַזוֹי ווִי אַ דוּנֶער, וְזֶה און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן ע): '**מִסִּטְרָא דִימִינָא**' וֶוען מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי רֶעכְטֶע זַייט, מִדַּת הַחֶסֶד וָואס דָאס אִיז יְמִין, דָאס הֵייסְט מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מֶען טוּט דִי מִצְוֹת נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר, נָאר פון לִיבְּשַׁאפְט, מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - **מֹחָא** וֶוערְט דִי מֹחַ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, **חִוָּרָא כְּכַסְפָּא** (תִּקּוּן ע) שַׁיין און ווַייס אַזוֹי ווִי זִילְבֶּער, וְזֶה און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יד, כז): [וַיָּשָׁב הַיָּם לִפְנוֹת בֹּקֶר לְאֵיתָנוֹ] 'וַיָּשָׁב הַיָּם' דִי ווַאסֶער הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט נָאךְ טִיפֶער: הַיְנוּ יָם הַחָכְמָה דִי

"לִפְנוֹת בֹּקֶר" — דָּא בֹּקֶר דְּאַבְרָהָם, בְּחִינַת: "אַבְרָהָם אוֹהֲבִי" (יְשַׁעְיָהוּ מ"א). "לְאֵיתָנוֹ" — דָּא גְּבוּרוֹת. הַיְנוּ בְּחִינַת: "קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל".

**וְזֶהוּ** (שִׁיר־הַשִּׁירִים ח): "מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה", כִּי עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת עַל יְדֵי הָאַהֲבָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "שֵׁב לִימִינִי" וְכוּ'.

**וְזֶהוּ** פֵּרוּשׁ (תְּהִלִּים כ"ט): "אֵל הַכָּבוֹד". 'אֵל' — דָּא חֶסֶד. 'כָּבוֹד' — דָּא חָכְמָה,

וָואָרט 'יָם' וַוייזְט אוֹיפְן מֹחַ מַחֲשָׁבָה, דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רֵיינֶע מוֹחִין? '**לִפְנוֹת בֹּקֶר**' פַארְטָאגְס, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס וָואָרְט 'לִפְנוֹת בּוֹקֶר' - **דָּא בֹּקֶר דְּאַבְרָהָם** דָאס מֵיינְט מֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, **בְּחִינַת** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: '**אַבְרָהָם אוֹהֲבִי**' (יְשַׁעְיָהוּ מא, ח) אַבְרָהָם מַיין לִיבְּהָאבֶּער, אַבְרָהָם וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַהֲבָה, שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק '**לְאֵיתָנוֹ**' צוּ אִיר שְׁטַארְקְקֵייט, **דָּא גְּבוּרוֹת** דָאס אִיז גְּבוּרוֹת, **הַיְנוּ בְּחִינַת**: '**קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל**', אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג) [דִי קוֹל וֶוערְט וִוי אַ שְׁטַארְקֶע דוּנֶער ('גְּבוּרָה') וָואס קְלַאפְּט אָן אִינֶעם 'גֻּלְגֹּלֶת' דָאס הֵייסְט דֶער 'מֹחַ' - 'יָם הַחָכְמָה', אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק 'וַיָּשָׁב הַיָּם' דִי יָם הַחָכְמָה, דָאס הֵייסְט דִי מֹחַ אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אוּן זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם רִיכְטִיגְן שְׁטַאפְּל, 'לִפְנוֹת בֹּקֶר' דוּרְךְ דִי מִדָּה פוּן אַבְרָהָם, מִידַת הַחֶסֶד, וָואס בַּיי אַבְרָהָם שְׁטֵייט אוֹיךְ דִי וָואָרְט בּוֹקֶר, 'לְאֵיתָנוֹ' צוּ אִיר שְׁטַארְקְקֵייט, 'גְּבוּרָה', דָאס הֵייסְט מִידַת הַגְּבוּרָה דַארְף זַיין צוּזַאמֶען מִיט חֶסֶד אַז עֶס זָאל קֶענֶען אַרֵיינְדְרִינְגֶען אִינֶעם מֹחַ אוּן אוֹיסְרֵיינִיגְן דֶעם מֹחַ].

**וְזֶהוּ** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ח, ז): '**מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה**' דִי פֶעלְקֶער וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען פַארְלֶעשְׁן דֶעם פֵייעֶר פוּן דַיין לִיבְּשַׁאפְט צוּ מִיר, אוּן זֵיי וֶועלְן אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען בַּאזִיגְן, וַוייל אַז מֶען לֵייגְט אַרֵיין 'אַהֲבָה' אִין אוּנְזֶער 'שְׁטַארְקְקֵייט' (גְּבוּרָה), מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי גְּבוּרָה מִיטְן פוּלְסְטְן קְרַאפְט, אוּן מֶען קֶען אוּנְז נִישְׁט בַּאזִיגְן, **כִּי עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת** וַוייל דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְנַצֵּחַ דִי מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר, **עַל יְדֵי הָאַהֲבָה** אִיז דוּרְךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: '**שֵׁב לִימִינִי**' **וְכוּ'** [עַד אָשִׁית אֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ] דִי יְשׁוּעָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן מִיט גְּבוּרוֹת צוּ אוּנְטֶערְדְרוּקְן דִי פֵיינְט - וֶועט קוּמֶען דוּרְךְ זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט, וִוי אוֹיךְ דוּרְךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ מִיט לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז יְמִין.

**וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כט, ג): '**קֵל הַכָּבוֹד**', '**קֵל**' דִי שֵׁם 'קֵל', **דָּא חֶסֶד** דָאס וַוייזְט אוֹיף חֶסֶד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם נב, ג): 'חֶסֶד אֵ־ל כָּל הַיּוֹם', '**כָּבוֹד**' **דָּא חָכְמָה** כָּבוֹד וַוייזְט אוֹיף

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ג): "כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ". 'הִרְעִים' — דָא בְּחִינַת רְעָמִים, הַיְנוּ הַגְּבוּרוֹת בְּחִינַת רְעָמִים, צָרִיךְ לְשַׁתֵּף עִמָּהֶם אַהֲבָה, כְּדֵי שֶׁיִּפְגְּעוּ בְּכָבוֹד, בִּבְחִינַת חָכְמָה, שֶׁיִּתְעַבֵּד מֵהֶם רְעָמִים, וְתִתְגַּבֵּר עַל אוֹיְבֶיךָ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "שֵׁב לִימִינִי" וְכוּ':

חָכְמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ג, לה): 'כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ' דִי חֲכָמִים וֶועלְן יַרְשְׁ'עֶנֶען כָּבוֹד, 'הִרְעִים' דָאס וָוארְט הִרְעִים - דָא בְּחִינַת רְעָמִים וַוייזְט אוֹיף דֶער שְׁטַארְקֶער דוּנֶער, הַיְנוּ הַגְּבוּרוֹת דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז וֶוען מֶען דַאוֶונְט בְּקוֹל וּבְכֹחַ, מֶען הָאט אִינְזִין דִי טַייטְשׁ פוּן וָואס מֶען דַאוֶונְט, וֶוערְט פוּן דֶעם בְּחִינַת רְעָמִים דֶער דוּנֶער, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט 'יִרְאָה', אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן מוֹרָא הָאבְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צָרִיךְ לְשַׁתֵּף עִמָּהֶם מֶען דַארְף אָבֶּער צַאמְשְׁטֶעלְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי יִרְאָה - 'אַהֲבָה' דִי מִדָּה פוּן לִיבְּשַׁאפְט, כְּדֵי שֶׁיִּפְגְּעוּ בְּכָבוֹד אַז דֶער דוּנֶער זָאל זִיךְ טְרֶעפְן מִיט 'כָּבוֹד', דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן בִּבְחִינַת חָכְמָה מִיט דִי מֹחַ וָואס דָארְט לִיגְט דִי חָכְמָה, שֶׁיִּתְעַבֵּד מֵהֶם רְעָמִים אַזוֹי וֶועט וֶוערְן אַ דוּנֶער, וְתִתְגַּבֵּר עַל אוֹיְבֶיךָ אוּן מֶען וֶועט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי פַּיינְט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'שֵׁב לִימִינִי' וְכוּ' דִי יְשׁוּעָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער דִי פַּיינְט וֶועט קוּמֶען דוּרְךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז יָמִין.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָא: זִימְנָא חֲדָא הֲוָה אָזְלִינָן בִּסְפִינְתָּא, וְסַגָּאִי סְפִינְתָּא בֵּין שִׁיצָא לְשִׁיצָא דְּכַוְרָא תְּלָתָא יוֹמָא וּתְלָתָא לֵילְוָתָא, אִיהוּ בִּזְקִיפוּ וַאֲנַן בְּשִׁפּוּלֵי. וְכִי תֵּימָא, לָא מַסְגֵּי**

וְזֶה פֵּרוּשׁ דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן: 'אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה' רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט 'זִימְנָא חֲדָא' אֵיינְמָאל, 'הֲוָה אַזְלִינָן בִּסְפִינְתָּא' בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף, 'וְסַגָּאִי סְפִינְתָּא' אוּן דִי שִׁיף אִיז אַרַיינְגֶעפָארְן, 'בֵּין שִׁיצָא לְשִׁיצָא דְּכַוְרָא' צְווִישְׁן דִי פְלוֹסְפֶעדֶערְן פוּן אַ פִישׁ. עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין וַואסֶער אַ גְרוֹיסֶע פִישׁ אוּן דִי שִׁיף אִיז אַרַיין צְווִישְׁן דִי פְלוֹסְפֶעדֶערְן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן 'תְּלָתָא יוֹמָא' דְרֵיי טֶעג, 'וּתְלָתָא לֵילְוָתָא' אוּן דְרֵיי נֶעכְט, 'אִיהוּ בִּזְקִיפוּ' דִי פִישׁ אִיז גֶעשְׁווִימֶען אַנְטְקֶעגְן דִי ווינְט, 'וַאֲנַן בְּשִׁפּוּלֵי' אוּן דִי שִׁיף ווי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה אִיז גֶעוֶוען - אִיז גֶעפָארְן מִיטְן ווינְט, פַארְקֶערְט פוּנֶעם פִישׁ, אוּן דִי פִישׁ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ צוּ שְׁווִימֶען דִי גַאנְצֶע פִישׁ, (וָואלְט דִי פִישׁ גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ וָואלְט עֶס גֶענוּמֶען דָאפְּלְט צַייט - זֶעקְס טֶעג אָנְצוּקוּמֶען פוּן אֵיין עֶק בִּיזְן צְווֵייטְן עֶק, נָאר ווִיבַּאלְד דִי פִישׁ אִיז גֶעשְׁווִימֶען אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע רִיכְטוּנְג הָאט עֶס גֶענוּמֶען דְרֵיי טֶעג), 'וְכִי תֵּימָא' אוֹיב וֶועסְטוּ פְרֶעגְן,

**סְפִינְתָּא טוּבָא? כִּי אָתָא רַב דִּימִי אָמַר כְּמֵיחַם קֻמְקוּמָא דְּמַיָּא מַסְגֵּי שִׁתִּין פַּרְסֵי, וְשָׁדֵי פָּרָשָׁא גִּירָא וְקָדְמָה לֵיהּ אִיהִי. וְאָמַר רַב אַשִׁי הַהוּא גִּילְדָּנָא דִּימָא הֲוַאי, דְּאִית לֵיהּ תְּרֵי שִׁיצָא** (בָּבָא בַּתְרָא עג:).

רַשְׁבַּ"ם:

**שִׁיצָא** סְנַפִּיר: בֵּין **שִׁיצָא** לְ**שִׁיצָא** סְנַפִּירִין בְּגַב הַדָּג, אֶחָד לְצַד הָרֹאשׁ וְאֶחָד לְצַד הַזָּנָב: **אִיהוּ בִּזְקִיפוּ** שֶׁהָיָה הוֹלֵךְ כְּנֶגֶד הָרוּחַ: **וַאֲנַן אַזְלִינָן בְּשִׁפּוּלֵי** כְּמוֹ שֶׁהָרוּחַ הוֹלֵךְ, דְּמַיִם שֶׁל יָם אֵינָם נוֹבְעִין, אֶלָּא עַל־יְדֵי רוּחַ הוֹלְכִין בָּהֶן: **כְּמֵיחַם קֻמְקוּמָא דְּמַיָּא** כְּשִׁיעוּר שֶׁמְּחַמְּמִים קֻמְקוּמָא שֶׁל מַיִם חַמִּין: **וְשַׁדְיָא פָּרְשָׁא גִּירָא** כְּשֶׁהָיָה שׁוּם אָדָם יוֹרֶה בְּחֵץ וּבְקֶשֶׁת עַל שְׂפַת הַיָּם לָאָרֶץ, הֲוֵי חֲזֵינַן דְּקַדְמָה לָהּ סְפִינְתָּא לַחֵץ:

**סְפִינְתָּא** — לְשׁוֹן חֲשִׁיבוּת, **דָּא בְּחִינַת גְּבוּרָה יִרְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יְשַׁעְיָהוּ ל"ג):

**'לָא מַסְגֵּי סְפִינְתָּא טוּבָא'** אֶפְשָׁר אִיז דִי שִׁיף נִישְׁט גֶעפָארְן אַזוֹי שְׁנֶעל, דֶערְפַאר אִיז דִי שִׁיף נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶערְגְרֵייכְן דִי פִישׁ? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא **'כִּי אָתָא רַב דִּימִי'** וֶוען רַב דִּימִי אִיז גֶעקוּמֶען, **'אָמַר'** הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דִי שִׁיף אִיז גֶעפָארְן אַזוֹי שְׁנֶעל – **'כְּמֵיחַם קֻמְקוּמָא דְּמַיָּא'** אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי עֶס נֶעמְט אוֹיפְצוּקָאכְן אַ קֶעסְל וַואסֶער, **'מַסְגֵּי שִׁתִּין פַּרְסֵי'** אִין דִי צַייט אִיז דִי שִׁיף גֶעפָארְן זֶעכְצִיג פַּרְסָה, **'וְשָׁדֵי פָּרָשָׁא גִּירָא'** אוּן וֶוען אֵיינֶער רַייט וֶוען אוֹיף אַ פֶערְד וָואס לוֹיפְט שְׁנֶעל, אוּן עֶר שִׁיסְט אַ פַייל, **'וְקָדְמָה לֵיהּ אִיהִי'** וָואלְט דִי שִׁיף אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ שְׁנֶעלֶער וִוי דִי פַייל פְלִיט, אַזוֹי שְׁנֶעל אִיז דִי שִׁיף גֶעפָארְן, אוּן נָאכְאַלְץ אִיז דִי שִׁיף נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶערְגְרֵייכְן דִי פִישׁ, **'וְאָמַר רַב אַשִׁי'** אוּן רַב אַשִׁי הָאט גֶעזָאגְט, **'הַהוּא גִּילְדָּנָא דִּימָא הֲוַאי'** דִי פִישׁ אִיז פוּן דִי קְלֵיינֶע פִישְׁלֶעךְ וָואס שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, **'דְּאִית לֵיהּ תְּרֵי שִׁיצָא'** וָואס זִי הָאט צְווֵיי פְלוּסְפֶעדֶערְן (בָּבָא בַּתְרָא עג:).

רַשְׁבַּ"ם:

**שִׁיצָא** סְנַפִּיר: בֵּין **שִׁיצָא** לְ**שִׁיצָא** סְנַפִּירִין בְּגַב הַדָּג, אֶחָד לְצַד הָרֹאשׁ וְאֶחָד לְצַד הַזָּנָב: **אִיהוּ בִּזְקִיפוּ**, שֶׁהָיָה הוֹלֵךְ כְּנֶגֶד הָרוּחַ: **וַאֲנַן אַזְלִינָן בְּשִׁפּוּלֵי**, כְּמוֹ שֶׁהָרוּחַ הוֹלֵךְ, דְּמַיִם שֶׁל יָם אֵינָם נוֹבְעִין, אֶלָּא עַל־יְדֵי רוּחַ הוֹלְכִין בָּהֶן: **כְּמֵיחַם קֻמְקוּמָא דְּמַיָּא**, כְּשִׁיעוּר שֶׁמְּחַמְּמִים קֻמְקוּמָא שֶׁל מַיִם חַמִּין: **וְשַׁדְיָא פָּרְשָׁא גִּירָא**, כְּשֶׁהָיָה שׁוּם אָדָם יוֹרֶה בְּחֵץ וּבְקֶשֶׁת עַל שְׂפַת הַיָּם לָאָרֶץ, הֲוֵי חֲזֵינַן דְּקַדְמָה לָהּ סְפִינְתָּא לַחֵץ:

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה.

**'סְפִינְתָּא'** דָאס וָוארְט סְפִינָה – **לְשׁוֹן חֲשִׁיבוּת** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן חֲשִׁיבוּת (אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין סִימָן א', לָשׁוֹן סָפוּן וְחָשׁוּב וְכוּ'), וָואס אִיז חָשׁוּב? **דָּא בְּחִינַת גְּבוּרָה יִרְאָה** וֶוען מֶען הָאט 'יִרְאַת שָׁמַיִם' מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז גְּבוּרוֹת ה', דָאס אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק

"יִרְאַת ה' הִיא אוֹצָרוֹ", שֶׁהִיא עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת. שִׁיצָא — לְשׁוֹן צָרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר ט"ז) "וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע", וְתַרְגּוּמוֹ: 'וַאֲשֵׁצֵי יַתְהוֹן'.

**תְּלָתָא** יוֹמָא וְלֵילוּתָא — דָּא בְּחִינַת מִצְווֹת, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם מֻשְׂכָּלוֹת וּמְקֻבָּלוֹת וְחֻקּוֹת, וּכְתִיב בָּהֶם (יְהוֹשֻׁעַ א): "וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה".

**אִיהוּ** בִּזְקִיפוּ וְאֵנַן בְּשִׁפּוּלֵי — זֶה בְּחִינַת: "יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו, יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעוֹשָׂיו".

**כְּמֵיחַם** קְמְקוּמָא דְּמַיָּא — דָּא מֹחָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שִׁיר־הַשִּׁירִים ד): "וְנוֹזְלִים מִן לְבָנוֹן".

(יְשַׁעְיָה לג, ו): 'יִרְאַת ה' זִיךְ פָּארְכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, '**הִיא אוֹצָרוֹ**' דָאס אִיז אַ חָשׁוּבְ'ער אוֹצָר, שֶׁהִיא עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אִיז טֵייעֶר.

'**שִׁיצָא**' דִי וָוארְט שִׁיצָא - לְשׁוֹן צָרָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן צָרוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּמִדְבַּר טז, כא) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט נָאכְן חֵטְא הָעֵגֶל: '**וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע**' אִיךְ וֶועל זֵיי פַארְלֶענְדְן אִין אֵיין רֶגַע, וְתַרְגּוּמוֹ זָאגְט דֶער תַּרְגּוּם: '**וַאֲשֵׁצֵי יַתְהוֹן**' אִיךְ וֶועל זֵיי פַארְלֶענְדְן; זֶעט מֶען אַז דִי וָוארְט 'שִׁיצָא' מֵיינְט צָרוֹת.

'**תְּלָתָא** יוֹמָא וְלֵילְוָתָא', דִי נוּמֶער דְרֵיי, **דָא** בְּחִינַת מִצְווֹת אִיז מְרֻמָּז אוֹיף מִצְוֹת, וַוייל דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת אִיז אֵיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם עֶס אִיז דָא מִצְוֹת - מֻשְׂכָּלוֹת וָואס זֶענֶען שֵׂכֶל'דִיג, אוֹיךְ אִיז דָא מִצְוֹת - וּמְקֻבָּלוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מְקוּבָּל פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן נָאכְדֶעם אִיז דָא מִצְוֹת - וְחֻקּוֹת אָן קַיין טַעַם, אוּן דִי וָוארְט 'יוֹמָא וְלֵילוּתָא' דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן טָאג אוּן נַאכְט, וּכְתִיב בָּהֶם אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): 'וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה' לֶערְן תּוֹרָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט.

'**אִיהוּ** בִּזְקִיפוּ וְאֵנַן בְּשִׁפּוּלֵי', זֶה דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, 'אִיהוּ' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, 'בִּזְקִיפוּ' אִיז פוּן אוֹיבְן, 'וְאֵנַן' אוּן אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער - 'בְּשִׁפּוּלֵי' זֶענֶען פוּן אוּנְטְן, אוּן וֶוען מִיר טוּעֶן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן מִיר אֵיינְס מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל דִי מִצְוֹת זֶענֶען אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט (אוֹת ב), בְּחִינַת 'יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ וֶוען מִיר טוּעֶן דִי מִצְוֹת, 'יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעוֹשָׂיו' אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט '**כְּמֵיחַם קְמְקוּמָא דְמַיָּא**' [אַזוֹי לַאנְג וִוי עֶס נֶעמְט צוּ אָנְוַוארֶעמֶען אַ קֶעסְל וַואסֶער], דִי קֶעסְל וַואסֶער - **דָא מֹחָא** דָאס אִיז מְרֻמָּז אוֹיף דִי מֹחַ, דִי מֹחַ אִיז אַזוֹי וִוי אַ כְּלִי וָואס עֶס רִינְט אַרוֹיס פוּן אִיר וַואסֶער, אַרַיין צוּ דִי לוּנְגֶען אָפְּצוּקִילְן דִי הָאַרְץ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, טו): ['מַעְיַן גַּנִּים בְּאֵר מַיִם חַיִּים] וְנוֹזְלִים מִן לְבָנוֹן' וָואס זֵייעֶרֶע וַואסֶער רִינֶען פוּן אַ רֵיינֶעם וַוייסְן אָרְט, אוּן אַזוֹי וִוי אוֹיבְן

**מַסְגָּא** שִׁתִּין פַּרְסֵי — דָּא בְּחִינַת גְּבוּרוֹת, שִׁשִּׁים גִּבֹּרִים, וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו.

**וְכִי** שָׁדֵי פָּרְשָׁא גִּירָא — 'פָּרְשָׁא': דָּא בְּחִינַת חֶסֶד, שֶׁהוּא מוֹצִיא לָאוֹר תַּעֲלוּמוֹת, דְּבָרִים הַמְּצֻמְצָמִין הוּא מְפָרֵשׁ אוֹתָם.

**גִּירָא** — דָּא (תְּהִלִּים קמ"ד): "שְׁלַח חִצֶּךָ וּתְהֻמֵּם", דָּא בְּחִינַת: "שֵׁב לִימִינִי" וְכוּ'.

**קָדְמָה** לֵיהּ אִיהִי — דָּא

אויסגעשמועסט (אות ג): 'מִן לְבוּנָא דְּמַחָא' פון די ריינע מֹחַ רינט אראפ א פליסיגקייט וואס גלייכט אויס דאס הארץ.

'**מַסְגָּא** שִׁתִּין פַּרְסֵי' [איז די שיף געפארן זעכציג פַּרְסָה], דָּא בְּחִינַת גְּבוּרוֹת די נומער זעכציג איז מרמז אויף גְּבוּרָה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שיר השירים ג, ז): 'שִׁשִּׁים גִּבֹּרִים' זעכציג גִּבּוֹרִים, און פון גבורה ווערט דער דונער, אזוי ווי עס שטייט (איוב כו, יד): 'וְרַעַם גְּבוּרוֹתָיו' דער דונער איז פון די שטארקקייט פונעם אייבערשטן.

'וְכִי שָׁדֵי פָּרְשָׁא גִּירָא', 'פָּרְשָׁא' די ווארט 'פָּרְשָׁא' איז מרמז אויף 'מְפָרֵשׁ זיין', און געבן צו פארשטיין, דָּא בְּחִינַת חֶסֶד וואס דאס איז א חֶסֶד, שֶׁהוּא מוֹצִיא לָאוֹר אַז ער מאכט ליכטיג, תַּעֲלוּמוֹת פארבארגענע זאכן, דאס הייסט דְּבָרִים הַמְּצֻמְצָמִין די זאכן וואס זענען פארמאכט און פארשלאסן און מען פארשטייט עס נישט, וואס דאס איז בְּחִינַת גְּבוּרָה, הוּא מְפָרֵשׁ אוֹתָם און ווען מען איז מסביר, מען געבט יענעם צו פארשטיין, איז דאס 'חֶסֶד', אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (סוכה מט:) אויפן פסוק (משלי לא, כו): 'וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ', וואס איז דאס 'תּוֹרַת חֶסֶד'? 'תּוֹרָה לְלַמְּדָהּ', תּוֹרָה וואס מען לערנט מיט אנדערע, זעט מען אז פַּרְשָׁה איז מרמז אויף חֲסָדִים.

**דָאס** ווארט 'גִּירָא' [א פייל], דָּא דאס איז מרמז אויפן דונער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קמד, ו): 'שְׁלַח חִצֶּךָ' שיק דיינע פיילן, 'וּתְהֻמֵּם' און פארטומל זיי, 'חִיצֶּךָ' דאס איז די דונערן, אזוי זאגן די מפרשים (עיין במצודות דוד, חיצך מיינט דונערן), [דא זעט מען דעם ענין אז מען דארף צאמשטעלן 'גְּבוּרָה' - 'יִרְאָה' צוזאמען מיט 'חֶסֶד' - 'אַהֲבָה', ווייל 'פַּרְשָׁה' דאס איז מרמז אויף 'חֶסֶד', און 'גִּירָא' א 'פייל' דאס איז 'גְּבוּרָה', און מען זעט דא אז די 'גְּבוּרָה' די פייל, איז געקומען פון 'פַּרְשָׁה' - חֶסֶד], וואס דאס איז אויך מרומז אין דעם פסוק 'שֵׁב לִימִינִי', דָּא בְּחִינַת 'שֵׁב לִימִינִי' וְכוּ'. די גאנצע פסוק איז 'שֵׁב לִימִינִי עַד אָשִׁית אֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ', וואס פון דעם פסוק זעט מען אז דורך די מדה פון 'יָמִין' 'חֶסֶד', טוט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'גְּבוּרוֹת', אונטערטעניגן די פיינט.

**מֶען** דארף אבער וויסן, אז אפילו מען דארף טאקע דינען דעם אייבערשטן מיט ביידע מדות 'יִרְאָה-גְּבוּרָה' און 'אַהֲבָה-חֶסֶד', דאך דארף מען צום ערשט אנהויבן דינען דעם אייבערשטן מיט מִידַת הַ'יִּרְאָה', מורא האבן פונעם אייבערשטן, און דאס זאגט ער יעצט ווייטער, 'קָדְמָה לֵיהּ אִיהִי' [די שיף איז

בְּחִינַת יִרְאָה שֶׁהִיא קֹדֶם, שֶׁהַיִּרְאָה הִיא קוֹדֶמֶת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם קי"א): "רֵאשִׁית חָכְמָה" וְכוּ'.

**שֶׁרַבָּה** בַּר בַּר חָנָא סַפֵּר, שֶׁהָלַךְ כָּל כָּךְ בְּמִדַּת הַיִּרְאָה, וְרָאָה גֹּדֶל כֹּחַ הַיִּרְאָה, עַד שֶׁיָּכוֹל לְהָבִין עַל יָדָהּ בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין לְאַחַר גְּזַר דִּין, וְזֶהוּ בֵּין שִׁיצָא וְכוּ'. וְהָדָר מְפָרֵשׁ אֵיךְ יָכוֹל לְהָבִין, הַיְנוּ עַל־יְדֵי הַמִּצְוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּלָתָא יוֹמָא וְכוּ', יָכוֹל לְהָבִין.

**וְדַוְקָא** כְּשֶׁעוֹשִׂין אוֹתָן בְּשִׂמְחָה, וְעַל־יְדֵי שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת יָכוֹל לְהָבִין.

אָנְגֶעקוּמֶען שְׁנֶעלֶער ווי די פֵּייל], **דָא** דָאס איז מְרַמֵּז, **בְּחִינַת יִרְאָה שֶׁהִיא קֹדֶם** די שִׁיף וָואס איז מְרַמֵּז אוֹיף יִרְאָה, איז אָנְגֶעקוּמֶען אֵיידֶער די פֵּיילְן, **שֶׁהַיִּרְאָה הִיא קוֹדֶמֶת** וַוייל יִרְאָה איז חָשׁוּבֿ'ער פוּן חָכְמָה, וַוייל מֶען דַארְף עֶרְשְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יִרְאָה אוּן מוֹרָא, אוּן שְׁפֶּעטֶער איז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַהֲבָה, נָאר נָאךְ יִרְאָה קוּמְט מֶען צוּ אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם קיא, י): **'רֵאשִׁית חָכְמָה' וְכוּ'** [רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה'] די עֶרְשְׁטֶע פוּן אַלֶע חָכְמוֹת איז יִרְאַת הַשֵּׁם, זִיךְ פָּארְכְטְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**שֶׁרַבָּה בַּר בַּר חָנָה סַפֵּר** רַבָּה בַּר בַּר חָנָה דֶערְצֵיילְט, **שֶׁהָלַךְ כָּל כָּךְ בְּמִדַּת הַיִּרְאָה** אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, **וְרָאָה גֹּדֶל כֹּחַ הַיִּרְאָה** אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **עַד שֶׁיָּכוֹל לְהָבִין עַל יָדָהּ** וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ די מַדְרֵיגָה, מֶען זָאל ווִיסְן **בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין לְאַחַר גְּזַר דִּין** אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין גוֹזֵר גֶעוֶועְן די גְזֵירָה אָדֶער מֶען הַאלְט פַארְן גְּזַר דִּין. **וְזֶהוּ** דָאס איז פְּשַׁט **'בֵּין שִׁיצָא' וְכוּ'** אַז די שִׁיף איז אַרַיין צְווִישְׁן אֵיין צָרָה אִינֶעם צְוֵוייטְן צָרָה, די שִׁיף דָאס איז די יִרְאַת שָׁמַיִם [אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט, 'סְפִינָה' איז אַ לָשׁוֹן 'סָפוּן וְחָשׁוּב', אוּן 'יִרְאַת שָׁמַיִם' איז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֿ'ע אוֹצָר] אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע יִרְאָה קֶען מֶען ווִיסְן אַ חִילּוּק צְווִישְׁן גְזֵירוֹת, **וְהָדָר** אוּן נָאכְדֶעם, **מְפָרֵשׁ**, גֶעבְּט עֶר צוּ פַארְשְׁטֵיין, **אֵיךְ יָכוֹל לְהָבִין** ווי אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ די מַדְרֵיגָה פוּן ווִיסְן אוֹיבּ עֶס איז שׁוֹין לְאַחֵר גְּזַר דִּין? **הַיְנוּ עַל יְדֵי הַמִּצְוֹת** דוּרְךְ די מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, **שֶׁהֵם** וָואס די מִצְוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן, **בְּחִינַת 'תְּלָתָא יוֹמָא' וְכוּ'** דְרַיי טֶעג אוּן דְרַיי נֶעכְט, [וַוייל עֶס זֶענֶען פַארְהַאן דְרַיי סָארְטְן מִצְוֹת, 'שֵׂכֶל'דִיגֶע', 'מְקוּבָּל'דִיגֶע', אוּן 'גֶעזֶעצְלִיכֶע אָן קַיין טַעַם' ווי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט], **יָכוֹל לְהָבִין** דוּרְכְן טוּן די מִצְוֹת קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ עֶס איז שׁוֹין נָאךְ די גְּזַר דִּין.

**וְדַוְקָא כְּשֶׁעוֹשִׂין אוֹתָן בְּשִׂמְחָה** אָבֶער נָאר אַז מֶען טוּט די מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, **וְעַל יְדֵי שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת** דוּרְךְ טוּן די מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, **יָכוֹל לְהָבִין** קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ די מַדְרֵיגָה צוּ ווִיסְן אוֹיבּ עֶס איז שׁוֹין

**כִּי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מְשַׂמֵּחַ בְּמַעֲשָׂיו, וְהַשִּׂמְחָה הִיא מְלֻבֶּשֶׁת בְּמִצְווֹת, כַּנַּ"ל, וַאֲנַחְנוּ מְשַׂמְּחִין לְמַטָּה גַּם כֵּן בְּהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־ הוּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעוֹשָׂיו", וְאֵין רְצוֹנֵנוּ בְּשׁוּם שָׂכָר, אֲפִלּוּ שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא, כַּנַּ"ל. וְזֶה, 'אִיהוּ בִּזְקִיפוּ וַאֲנַן בִּשְׁפוּלֵי', לְפִי שִׂמְחָתוֹ כֵּן שִׂמְחָתֵנוּ, וְעַל־יְדֵי־זֶה אֲנַחְנוּ יְכוֹלִין לְהָבִין.**

**וְהָדָר מְפָרֵשׁ אֵיךְ לְהַשִּׂיג בְּחִינַת שִׂמְחָה, עַל־יְדֵי בְּחִינַת רַעַם. וְזֶהוּ: כִּי אָתָא רַב דִּימִי אָמַר: כְּמֵיחַם קֻמְקוּמָא דְּמַיָּא וְכוּ', הַיְנוּ**

לְאַחַר גְּזַר דִּין, **כִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** ווייל דֶער אײבּערשׁטער, **מְשַׂמֵּחַ בְּמַעֲשָׂיו** פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת ווָאס אִידִישֶׁע קִינְדֶער טוּעֶן, **וְהַשִּׂמְחָה הִיא מְלֻבֶּשֶׁת בְּמִצְווֹת** אוּן דִּי שִׂמְחָה פוּנֶעם אײבּערשׁטְן אִיז אִין דִּי מִצְוֹת, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **וַאֲנַחְנוּ מְשַׂמְּחִין לְמַטָּה גַּם כֵּן בְּהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ דָא פוּן אוּנְטְן **אוֹיךְ** מִיטְן אײבּערשׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קמט, ב): **'יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעוֹשָׂיו'** אִידִישֶׁע קִינְדֶער פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְן אײבּערשׁטְן, **וְאֵין רְצוֹנֵנוּ בְּשׁוּם שָׂכָר** אוּן מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין שׁוּם **שְׂכַר אֲפִלּוּ שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא** מִיר דַארְפְן אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עוֹלָם הַבָּא, נָאר מִיר ווִילְן עֶנְדֶערְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן נָאךְ מִצְוֹת, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אות ב), **וְזֶה** אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי ווֶערְטֶער **'אִיהוּ בִּזְקִיפוּ וַאֲנַן בִּשְׁפוּלֵי'** [דֶער אײבּערשׁטער פְרֵייט זִיךְ פוּן אוֹיבְּן מִיט אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ דָא פוּן אוּנְטְן מִיטְן אײבּערשׁטְן], אוּן **לְפִי שִׂמְחָתוֹ** לוֹיט דִי שִׂמְחָה פוּנֶעם אײבּערשׁטְן – **כֵּן שִׂמְחָתֵנוּ** אַזוֹי אִיז אוּנְזֶער פְרֵייד, **וְעַל יְדֵי זֶה אֲנַחְנוּ יְכוֹלִין לְהָבִין** אוּן אַזוֹי קֶענֶען מִיר ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין נָאכְן גְּזַר דִּין אָדֶער עֶס אִיז נָאךְ פַארְן גְּזַר דִּין, ווַייל (יְשַׁעְיָ' סג ט): 'בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר', ווֶען עֶס אִיז דָא אַ צָרָה – אִיז דִי צָרָה אוֹיךְ כִּבְיָכוֹל אוֹיבְּן, אוּן דִּי פְרֵייד ווָאס אִיז מְלֻבָּשׁ אִין דִי מִצְוֹת אִיז נִישְׁט גַאנְץ, מִמֵּילָא קֶען מֶען עֶס שְׁפִּירְן.

**זָאגְט** ווַייטֶער דֶער רֶבִּי: **וְהָדָר** אוּן נָאכְדֶעם, **מְפָרֵשׁ** גֶעבְּט עֶר צוּ פַארְשְׁטֵיין, **אֵיךְ לְהַשִּׂיג בְּחִינַת שִׂמְחָה** ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ? **עַל יְדֵי בְּחִינַת רַעַם** דוּרְךְ דֶעם דוּנֶער, [ווָאס דוּרְכְדֶעם גְרָאדְט מֶען אוֹיס דִי קְרוּמְקֵייט פוּן הָאֶרֶץ אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ גְלַייכֶע הָארֶץ, אוּן דִי הָארֶץ קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים צז, יא): 'וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה', ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמַאנְט אִין אוֹת ג'], **וְזֶהוּ** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי ווֶערְטֶער: **'כִּי אָתָא רַב דִּימִי'** ווֶען רַב דִּימִי אִיז גֶעקוּמֶען, **'אָמַר'** הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **'כְּמֵיחַם קֻמְקוּמָא דְּמַיָּא' וְכוּ'**, 'קוּמְקוּמָא דְּמַיָּא' אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן מֹחַ, [אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט דֶעם פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, טו): 'בְּאֵר מַיִם חַיִּים וְנֹזְלִים מִן לְבָנוֹן' – ווַאסֶער ווָאס קוּמְט צוּ רֵינֶען פוּן 'לְבָנוֹן'. טַייטְשְׁט דֶער זוֹהַר (פִּנְחָס רלה:) אוֹיף דֶעם ווָארְט 'לְבָנוֹן' –

'לִיבּוּנָא דְמוֹחָא' עֶס קוּמְט פוּן אַ מֹחַ וָואס אִיז וַוייס אוּן רֵיין; מִמֵּילָא אַז דִי מֹחַ אִיז נִישְׁט פַארְשְׁטָאפְּט, נָאר פַארְקֶערְט עֶס אִיז אַ רֵיינֶע מֹחַ, רֵיין פוּן פְרֶעמְדֶע חָכְמוֹת אוּן רֵיין פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, קֶען וֶוערְן אַ דוּנֶער פוּן דִי קוֹל וָואס קְלַאפְּט אַרַיין אִין דֶעם רֵיינֶעם מֹחַ (אַזוֹי וִוי דִי רֶבִּי הָאט עֶרְקְלֶערְט אִין אוֹת ד')], הַיְנוּ בְּחִינַת 'קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל' דִי קוֹל וָואס קְלַאפְּט אִינֶעם מֹחַ אוּן עֶס וֶוערְט אַזוֹי וִוי אַ דוּנֶער.

'שִׁיתִּין' דִי נוּמֶער זֶעכְצִיג, זֶה בְּחִינַת גְּבוּרוֹת דָאס וַוייזְט אוֹיף גְּבוּרוֹת, הַפּוֹגְעִין בְּגַלְגַּלְתָּא וָואס גֵייט צוּם מֹחַ, וְנַעֲשֶׂה מִמֶּנּוּ רְעָמִים אוּן עֶס וֶוערְט אַזוֹי וִוי אַ דוּנֶער, וְאִשְׁתַּמַּע קָלָא אוּן דִי קוֹל גֵייט צוּם הָאָרֶץ, זֶה בְּחִינַת הַקּוֹל מְעוֹרֵר הַכַּוָּנָה וַוייל וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט אַ קוֹל הֶעלְפְט עֶס מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען, בְּחִינַת 'לֹא נִבְרְאוּ רְעָמִים' וְכוּ' [אֶלָּא לִפְשֵׁט עַקְמוּמִיּוּת שֶׁבַּלֵּב], דִי דוּנֶער אִיז נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן צוּ אוֹיסְגְרָאדְן דִי קְרוּמְקֵייטְן פוּן הַאַרְץ, אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קְרוּמְקֵייטְן אִין הַאַרְץ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים צז, יא): 'וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה', (אַזוֹי וִוי

בְּחִינַת: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל.

**שִׁיתִּין** זֶה בְּחִינַת גְּבוּרוֹת, הַפּוֹגְעִין בְּגַלְגַּלְתָּא, וְנַעֲשֶׂה מִמֶּנּוּ רְעָמִים. וְאִשְׁתַּמַּע קָלָא: זֶה בְּחִינַת הַקּוֹל מְעוֹרֵר הַכַּוָּנָה, בְּחִינַת: לֹא נִבְרְאוּ רְעָמִים וְכוּ'.

**וְהָדַר** אָמַר, שֶׁעִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַגְּבוּרוֹת אֵינוֹ אֶלָּא עַל-יְדֵי חֲסָדִים. וְצָרִיךְ לְאַכְלָלָא שְׂמָאלָא בִּימִינָא, כַּנַּ"ל, וְאַף-עַל-פִּי-כֵן צָרִיךְ לְאַקְדָּמָא אֶת הַיִּרְאָה, כִּי בַּעַל אֲבֵדָה מַחֲזִיר עַל אֲבֵדָתוֹ (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה [קִדּוּשִׁין ב:]: 'דַּרְכּוֹ שֶׁל אִישׁ לַחֲזֹר אַחַר אִשָּׁה. מָשָׁל לְאָדָם, שֶׁאָבְדָה לוֹ אֲבֵדָה' וְכוּ'. פֵּרוּשׁ:

דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְקְלֶערְט אִין אוֹת ג').

וְהָדַר אָמַר אוּן נָאכְדֶעם זָאגְט עֶר, שֶׁעִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַגְּבוּרוֹת דֶער עִיקָר וְוִוי אַזוֹי מֶען קֶען מְנַצֵּחַ זַיין דִי טוּמְאָה דוּרְךְ יִרְאָה, אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי חֲסָדִים אִיז נָאר אַז מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט 'אַהֲבָה', מִיט 'לִיבְּשַׁאפְט', וְצָרִיךְ לְאַכְלָלָא שְׂמָאלָא בִּימִינָא כַּנַּ"ל עֶס מוּז גֵייִן מִיט בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, מִיט 'אַהֲבָה' אוּן 'יִרְאָה', וְאַף עַל פִּי כֵן אוּן אֲפִילוּ דֶער עִיקָר אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - צָרִיךְ לְאַקְדָּמָא אֶת הַיִּרְאָה דַארְף מֶען אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן מִיט יִרְאָה, כִּי בַּעַל אֲבֵדָה וַוייל דֶער וָואס הָאט פַארְלוֹירְן עֶפֶּעס, מַחֲזִיר עַל אֲבֵדָתוֹ דֶער גֵייט זוּכְן דָאס וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן [קִדּוּשִׁין ב:]: 'דַּרְכּוֹ שֶׁל אִישׁ לַחֲזֹר אַחַר אִשָּׁה' דִי וֶועג בַּיי אַ שִׁידוּךְ אִיז, אַז דֶער מַאן זוּכְט אוֹיף דִי פְּרוֹי חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אִיר, אוּן נִישְׁט דִי פְּרוֹי זוּכְט אוֹיף דֶעם מַאן, פַארְוָואס טַאקֶע אִיז אַזוֹי? 'מָשָׁל לְאָדָם' אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶער, 'שֶׁאָבְדָה לוֹ אֲבֵדָה' וָואס הָאט פַארְלוֹירְן עֶפֶּעס, וְכוּ' גֵייט עֶר אוֹיפְזוּכְן וָואס עֶר

**כִּי אַהֲבָה הוּא בְּחִינַת אִישׁ וְיִרְאָה הִיא בְּחִינַת אִשָּׁה, כַּיָּדוּעַ. וְעַל כֵּן צָרִיךְ לְהַקְדִּים אֶת הַיִּרְאָה, כִּי אָז תָּבוֹא אֵלָיו הָאַהֲבָה מִמֵּילָא, כִּי הָאַהֲבָה הוֹלֶכֶת וּמְחַזֶּרֶת אַחַר הַיִּרְאָה תָּמִיד, כִּי בַּעַל אֲבֵדָה מְחַזֵּיר אַחַר אֲבֵדָתוֹ, כַּנַּ"ל; כָּךְ שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ).**

**וְזֶהוּ בְּחִינַת: וְכִי שָׁדָא פָּרְשָׁא גִּירָא וְכוּ',**

הָאט פַארְלוֹירְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מַאן הָאט פַארְלוֹירְן אַ בֵּיין, אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, כא): 'וַיִּקַּח אַחַת מִצַּלְעֹתָיו' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ בֵּיין פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּן גֶעבּוֹיט דֶערְפוּן דִי וַוייבּ, דֶערְפַאר זוּכְט דֶער מַאן אוֹיף דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָא נָאךְ אַ פְּשַׁט, פֵּרוּשׁ, כִּי אַהֲבָה דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - הוּא בְּחִינַת אִישׁ וֶוערְט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן 'אִישׁ', וְיִרְאָה אוּן דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מוֹרָא - הִיא בְּחִינַת אִשָּׁה וֶוערְט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן 'אִשָּׁה', כַּיָּדוּעַ אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית דַּף ל ע"א): 'וּדְכַר' דֶער מַאן, 'מִסִּטְרָא דִימִינָא קָא אָתֵי' אִיז פוּן דִי רֶעכְטֶע זַייט וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חֶסֶד, אוֹיף אַהֲבָה, 'וְנוּקְבָא' אוּן דִי פְרוֹי - 'מִסִּטְרָא דִשְׂמָאלָא' אִיז פוּן דִי לִינְקֶע זַייט, וָואס וַוייזְט אוֹיף 'דִין', אוֹיף 'גְבוּרָה', אוֹיף 'יִרְאַת שָׁמַיִם', 'מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', וְעַל כֵּן דֶערְפַאר, צָרִיךְ לְהַקְדִּים דַארְף מֶען קוֹדֶם אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אֶת הַיִּרְאָה מִיט יִרְאָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַקְדָּמַת תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דַּף ו ע"א): 'אִתְּתָא' דִי פְרוֹי, דָאס מֵיינְט מֶען דִי מִדָּה פוּן יִרְאָה, 'אִית לָהּ לְאַקְדָּמָא בְּכָל פִּקּוּדַיָּא' בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה דַארְף מֶען קוֹדֶם צוּגֵיין צוּ דִי מִצְוָה מִיט יִרְאָה, 'דְאִתְּמַר בָּהּ' אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי לא, ל): 'אִשָּׁה יִרְאַת ה'' דִי מִדָּה פוּן יִרְאָה, 'הִיא תִתְהַלָּל' אִיז גֶעלוֹיבְּט, 'וּבְגִין דָא' דֶערִיבֶּער, 'מָצָא אִשָּׁה בְּקַדְמֵיתָא' עֶרְשְׁט דַארְף מֶען אָנְהוֹיבְּן מִיט יִרְאָה, 'מָצָא טוֹב' דֶערְמָאלְט אִיז גוּט (שָׁם יח, כב), כִּי אָז וַוייל דֶערְמָאלְט, תָּבוֹא אֵלָיו הָאַהֲבָה מִמֵּילָא וֶועט מֶען שׁוֹין מִמֵּילָא צוּקוּמֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, כִּי הָאַהֲבָה וַוייל דָאס לִיבְּשַׁאפְט, הוֹלֶכֶת גֵייט, וּמְחַזֶּרֶת אוּן קֶערְט זִיךְ צוּרִיק, אַחַר הַיִּרְאָה נָאךְ יִרְאָה, תָּמִיד שְׁטֶענְדִיג, כִּי בַּעַל אֲבֵדָה וַוייל אֵיינֶער וָואס הָאט עֶפֶּעס פַארְלוֹירְן מְחַזֵּיר אַחַר אֲבֵדָתוֹ גֵייט נָאךְ אוּן זוּכְט אוֹיף זַיין פַארְלוֹירֶענֶע זַאךְ, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט כָּךְ שָׁמַעְתִּי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט, מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס מוֹיל, בְּפֵרוּשׁ קְלָאר).

**וְזֶהוּ** בְּחִינַת דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער: **'וְכִי שָׁדָא פָּרְשָׁא גִּירָא' וְכוּ'** וֶוען אַ רַייטֶער אוֹיף אַ פֶערְד הָאט גֶעשָׁאסְן אַ פַייל [וְקַדְמָה לֵיהּ אִיהִי] אִיז זִי - דִי שִׁיף - עֶרְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, וַוייל דִי ווָארְט 'פָּרְשָׁא' וַוייזְט אוֹיף מִידַת 'חֶסֶד', אַז עֶר אִיז 'מְפַרֵשׁ' אוּן עֶרְקְלֶערְט זַאכְן וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אוּן שְׁוֶוער צוּ

פַּארְשְׁטֵיין, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט פְּרִיעֶר מַסְבִּיר גֶעוֶוען. אוּן דִי 'סְפִינָה' ווַייזְט אוֹיף 'גְּבוּרָה' 'יִרְאָה', אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט פְּרִיעֶר עֶרְקְלֶערְט, אַז 'סְפִינָה' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טֵייעֶרְקֵייט אוּן 'חֲשִׁיבוּת', 'סָפוּן וְחָשׁוּב'; אוּן 'יִרְאָה' דָאס הֵייסְט 'יִרְאַת שָׁמַיִם' - אִיז אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אוּן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה לג, ו): 'יִרְאַת ה' הִיא אוֹצָרוֹ', אוּן מֶען זֶעט דָא אַז דִי שִׁיף ווָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'יִרְאָה' - אִיז עֶרְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען פַאר דִי רַייטֶער, 'פָּרְשָׁא' - ווָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף מִידַת 'אַהֲבָה אוּן חֶסֶד', זֶעט מֶען פוּן דָא אַז מֶען דַארְף קוֹדֶם דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מִידַת 'הַיִּרְאָה' אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען שׁוֹין מִמֵּילָא צוּ מִידַת 'אַהֲבָה'.

**וְאָמַר רַב אַשִׁי: הַאי גִּלְדְּנָא דִּיָּמָא וְכוּ': גִּ'ילְ'דְּנָ'א — הוּא בְּחִינַת שֵׁם אגל"א, שֶׁהוּא בְּחִינַת גְּבוּרוֹת, כִּי הוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת: אַ'תָּה גִּ'בּוֹר לְ'עוֹלָם אֲ'דֹנָי, כַּמּוּבָא, כִּי גִּלְדְּנָא הוּא אוֹתִיּוֹת אג"ל וְשֵׁם אֲדֹנָ"י בִּשְׁלֵמוּת, הַיְנוּ שֵׁם אגל"א, כַּנַּ"ל.**

**וְאָמַר רַב אַשִׁי** אוּן רַב אַשִׁי זָאגְט: '**הַאי גִּלְדְּנָא דִּיָּמָא**' וְכוּ' דִי פִישׁ ווָאס הָאט דִי צְווֵיי שִׁיצְא [צָרוֹת], אִיר נָאמֶען אִיז **גִּ'ילְ'דְּנָ'א** דִי ווָארְט גִילְדָנָא - **הוּא בְּחִינַת** דָאס ווַייזְט אוֹיף **שֵׁם אגל"א** דִי הֵיילִיגֶע שֵׁם אגל"א, **שֶׁהוּא בְּחִינַת גְּבוּרוֹת** ווָאס דֶער שֵׁם אִיז אַ שֵׁם פוּן גְּבוּרָה, מֶען קֶען מִיט דֶעם שֵׁם מְנַצֵּחַ זַיין אַלֶע מִלְחָמוֹת, אוּן דֶער שֵׁם אִיז מְרוּמָז אִין דִי צְווֵייטֶע בְּרָכָה פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, ווָאס דִי בְּרָכָה ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים מִיטְן נָאמֶען 'גְּבוּרוֹת' (עַיֵּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה לב.) **כִּי הוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת** ווַייל דָאס ווָארְט גִילְדָנָ"א אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי ווֶערְטֶער: **אַ'תָּה גִּ'בּוֹר לְ'עוֹלָם אֲ'דֹנָי**, ווָאס דִי שֵׁם אגל"א קוּמְט אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן אַ'תָּה גִּ'בּוֹר לְ'עוֹלָם אֲ'דֹנָי, **כַּמּוּבָא** אַזוֹי ווִי עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (זוֹהַר חָדָשׁ, פָּרָשַׁת תְּרוּמָה), אוּן ווִי אַזוֹי הָאט דִי ווָארְט גִילְדָנָ"א דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן אַ'תָּה גִּ'בּוֹר לְ'עוֹלָם אֲ'דֹנָי? **כִּי 'גִּלְדְּנָא'** ווַייל דָאס ווָארְט גִילְדָנָא **הוּא אוֹתִיּוֹת אג"ל**, אִיז דִי אוֹתִיּוֹת אג"ל, אַזוֹי ווִי דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אַ'תָּה גִּ'בּוֹר לְ'עוֹלָם, ווָאס דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי שֵׁם אגל"א. **וְשֵׁם אֲדֹנָ"י** אוּן דִי לֶעצְטֶע א' פוּן דֶעם שֵׁם אגל"א, ווָאס לִיגְט אִין דִי שֵׁם אֲדֹנָ"י פוּן אַ'תָּה גִּ'בּוֹר לְ'עוֹלָם אֲ'דֹנָי, **בִּשְׁלֵמוּת** אִיז נִישְׁט נָאר רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דֶער אוֹת א', נָאר עֶס אִיז דָא אִין דִי ווָארְט גִילְדָנָ"א דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע שֵׁם אֲדֹנָ"י, **הַיְנוּ שֵׁם אגל"א, כַּנַּ"ל** ווָאס דִי אוֹתִיּוֹת בְּרֶענְגֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיס דֶעם שֵׁם אַ'גְ'לְ'אַ' ווָאס אִיז אַ שֵׁם פוּן 'גְּבוּרָה', וּבִפְרַט אַז דִי שֵׁם אֲדֹנָ"י אִיז אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַלֶע אוֹתִיּוֹת, ווַייל אוֹיבּ מֶען רֶעכְנְט צְווֵיי מָאל דִי אוֹת א' הָאסְטוּ אִין דִי ווָארְט גִילְדָנָא דִי צְווֵיי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת אגל"א אוּן אֲדֹנָ"י, ווָאס בֵּיידֶע זֶענֶען דִי שֵׁמוֹת פוּן גְּבוּרָה. סַיי אגל"א, [ווָאס אִין דֶעם שֵׁם לִיגְט בַּאהַאלְטְן דִי כֹּחַ פוּן יְהוּדָה'ס שְׁטַארְקְקֵייט צוּ בַּאזִיגְן זַיינֶע פַיינְט (זוֹהַר חָדָשׁ, שָׁם), אוּן סַיי אֲדֹנָ"י ווָאס אִיז אַ שֵׁם פוּן

**וְזֶה פֵּרוּשׁ:** בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר — וְכוּ', הַיְנוּ עַל־יְדֵי בְּחִינַת קוֹל דְּנָפִיק, כַּנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה יִרְעַם הַיָּם וְכוּ', נַעֲשֶׂה בְּחִינַת רְעָמִים, בְּחִינַת: "קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל". תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ — דָּא בְּחִינַת לִבָּא וְעַרְקִין דִּילֵהּ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ: לֹא נִבְרְאוּ רְעָמִים וְכוּ'.

**כִּי תֵּבֵל** — אוֹתִיּוֹת תָּיו לֵב. תָּיו — לְשׁוֹן רְשִׁימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל ט): "וְהִתְוִיתָ תָּו",

מִידַת 'מַלְכוּת' וָואס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף גְּבוּרוֹת אוּן דִּינִים, דִּ'י'נָ'א' דְּמַלְכוּתָא (זוֹהַר מִשְׁפָּטִים קי"ח: - זוֹהַר וַיִּקְרָא יא)].

**דִּי** פִישׁ 'גִילְדָנָ"א' וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'גְּבוּרָה' אוּן 'דִּינִים' הָאט צְוֵויי פְּלוּסְפֶּעדֶערְן וָואס הֵייסְט 'שִׁיצָא', וָואס דִּי וָוארְט 'שִׁיצָא' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת', (אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט פְּרִיעֶר דֶערְמַאנְט אַז דִּי תַּרְגּוּם אוֹיפְן וָוארְט 'וַאֲכַלֶּה' פַּארְלֶענְדְן - אִיז 'וַאֲשַׁצֵי', זֶעט מֶען אַז 'שִׁיצָא' מֵיינְט צָרוֹת.) וַוייל עֶס אִיז דָא צְוֵויי סָארְטְן צָרוֹת, אֵיין סָארְט צָרָה אִיז אֵיידֶער מֶען פַארְזִיגְלְט דִּי גְּזַר דִּין, וָואס מֶען קֶען נָאךְ גֶעהֶערִיג בֶּעטְן דֶעמָאלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ צֶעשְׁטֶערְן דִּי גְזֵירָה, אוּן דִּי צְוֵוייטֶע סָארְט צָרָה אִיז נָאכְן פַארְזִיגְלֶען דִּי גְּזַר דִּין, וָואס דֶעמָאלְט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם וֶועג.

**יֶעצְט** וֶועט דֶער רֶבִּי נֶעמֶען דִּי גַאנְצֶע הַשָּׂגָה אוּן דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִּי פְּסוּקִים פוּן תְּהִלִּים (תְּהִלִּים צח, ו-ז): 'בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ ה', יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ'.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק 'בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר' וְכוּ', 'בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר', הַיְנוּ עַל יְדֵי בְּחִינַת קוֹל דְּנָפִיק כַּנַּ"ל וֶוען מֶען דַאוֶוענְט בְּכֹחַ וּבְקוֹל אִיז דָאס פִּינְקְט אַזוֹי וִוי דֶער קוֹל שׁוֹפָר וָואס בְּרֶענְגְט יִרְאָה, **עַל יְדֵי זֶה** 'יִרְעַם הַיָּם' וְכוּ' דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'יָם הַחָכְמָה' (וִוי דֶערְמַאנְט פְּרִיעֶר אִין אוֹת ד') - נַעֲשֶׂה בְּחִינַת רְעָמִים אַזוֹי וִוי אַ דוּנֶער אִין מֹחַ בְּחִינַת: אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג) אוֹיפְן פָּסוּק 'קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל', אַז דֶער קוֹל מַאכְט אַ דוּנֶער אִינֶעם גַּלְגַּל הַמֹּחַ אוּן אַזוֹי רִינְט אַרָאפּ פוּנֶעם מֹחַ רֵיינֶע וַואסֶער וָואס גְרַאדְט אוֹיס דָאס הַאַרְץ, דָאס אִיז מְרוּמָז וַוייטֶער אִין דִּי וֶוערְטֶער פוּן פָּסוּק: 'תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ' דָּא בְּחִינַת **לִבָּא** וְעַרְקִין דִּילֵהּ דָאס אִיז דִּי הַאַרְץ מִיט דִּי אָדֶערְן, זַיי וֶוערְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: '**לֹא נִבְרְאוּ** רְעָמִים' וְכוּ' [אֶלָּא לְפַשֵּׁט עַקְמוּמִיּוּת שֶׁבַּלֵּב] דִּי דִינֶערְן אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן צוּ אוֹיסְגְרָאדְן דִּי קְרוּמְקֵייטְן פוּן הַאַרְץ.

**יֶעצְט** וֶועט דֶער רֶבִּי אוֹיפְוַוייזְן אַז 'תֵּבֵל' וַוייזְט אוֹיפְן 'הַאַרְץ', **כִּי תֵּבֵל** וַוייל דִּי וָוארְט 'תֵּבֵל' - **אוֹתִיּוֹת** אִיז דִּי אוֹתִיּוֹת **תָּיו לֵב**, דִּי אוֹת ת' מִיט ל"ב [הַאַרְץ], צוּזַאמֶען אִיז עֶס דִּי וָוארְט תֵּבֵל, דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר, **תָּיו** דִּי וָוארְט ת' - **לְשׁוֹן רְשִׁימָה** מֵיינְט אַ צֵייכְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ט, ד): 'וְהִתְוִיתָ תָּו'

שֶׁנִּרְשַׁם הַקּוֹל בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר: לֹא נִבְרְאוּ רְעָמִים וְכוּ'. וְעַל־יְדֵי־זֶה: נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ כָף — בְּחִינַת שִׂמְחָה, כַּנַּ"ל, "וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה".

**וְעַל** יְדֵי הַשִּׂמְחָה יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ — רִנָּה: לְשׁוֹן תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מְלָכִים־א' ח): "לִשְׁמֹעַ אֶל הָרִנָּה" וְכוּ'. הָרִים בְּחִינַת צַדִּיקִים, הַיְנוּ עַל יְדֵי שִׂמְחַת הַלֵּב יְכוֹלִין לְהִתְפַּלֵּל וּלְהַלְבִּישׁ אֶת תְּפִלָּתָן בְּמַאֲמָר, כְּשֶׁיָּבִינוּ כִּי נִגְזַר הַדִּין, וְזֶה פֵּרוּשׁ יַחַד, שֶׁמַּלְבִּישִׁים תְּפִלָּתָם בְּסִפּוּרִים יַחַד.

זָאלְסְט אָנְצֵייכֶענֶען אַ צֵייכְן, שֶׁנִּרְשַׁם הַקּוֹל עֶס וֶוערְט אָנְגֶעצֵייכְנְט דִי קוֹל, בַּלֵּב אִין הַארְץ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ: 'לֹא נִבְרְאוּ רְעָמִים' וְכוּ' דִי קוֹל פוּנֶעם דוּנֶער גְרָאבְּט אוֹיס דָאס הַארְץ, וְעַל יְדֵי זֶה און דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט מְקוּיָם וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ כָף' [דִי טַייכְן פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט] דָאס וַוייזְט אוֹיף שִׂמְחָה, בְּחִינַת שִׂמְחָה אַז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, כַּנַּ"ל, אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט 'וּלְיִשְׁרֵי לֵב' און פַאר דִי גְלַייכֶע הֶערְצֶער, וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִינֶערְן און הָאבְּן מֶער נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן – 'שִׂמְחָה' אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פְרֵייד; וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ און מֶען טוּט דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה.

**און** אַז מֶען טוּט דִי מִצְוֹת מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה קֶען מֶען וִויסְן צִי מֶען הַאלְט פַאר דִי גְזַר דִין, אָדֶער דִי גְזֵירָה אִיז שׁוֹין פַארְזִיגְלְט וָואס דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין בֶּעטְן אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם וֶועג. און דָאס גֵייט יֶעצְט דֶער רֶבִּי אַרַיינְטַייטְשְׁן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן פָּסוּק:

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי, וְעַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה און דוּרְךְ שִׂמְחָה, 'יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ' דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף רִנָּה, און דִי וָוארְט רִנָּה אִיז לְשׁוֹן תְּפִלָּה, אַ לָשׁוֹן פוּן דַאוֶוענֶען, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים א ח, כח): 'לִשְׁמֹעַ אֶל הָרִנָּה' וְכוּ'. זָאלְסְט צוּהֶערְן דָאס גֶעבֶּעט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, 'הָרִים' בֶּערְג – אִיז מְרַמֵּז בְּחִינַת צַדִּיקִים אוֹיף צַדִּיקִים, וַוייל אַזוֹי וִוי בֶּערְג גֵייעֶן הֶעכֶער און הֶעכֶער, אַזוֹי אִיז דִי שְׂכַר פוּן צַדִּיקִים, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין עֶנְדֶע, הַיְנוּ דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, עַל יְדֵי שִׂמְחַת הַלֵּב אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, מֶען פְרֵייט זִיךְ 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' – יְכוֹלִין לְהִתְפַּלֵּל קֶען מֶען דַאוֶוענֶען, וּלְהַלְבִּישׁ אֶת תְּפִלָּתָן בְּמַאֲמָר און אַרַיינְלֵייגְן דִי גֶעבֶּעט אִין אַ מַעֲשֶׂה, כְּשֶׁיָּבִינוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט, כִּי נִגְזַר הַדִּין אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְן גְזַר דִין, וָואס דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין בֶּעטְן אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶע וֶועג, וְזֶה פֵּרוּשׁ 'יַחַד' און דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וָוארְט 'יַחַד' [צוּזַאמֶען], שֶׁמַּלְבִּישִׁים תְּפִלָּתָם אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי תְּפִלּוֹת – בְּסִפּוּרִים, יַחַד אִין אַ מַעֲשֶׂה, 'יַחַד' אִינְאֵיינֶעם. און דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק 'נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ כָף' – דוּרְךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט

דִּי מִצְוֹת אַלֵיין, 'יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ' – קֶענֶען וִויסְן דִּי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען צוּגֶעגֶעלִיכְן צוּ גְרוֹיסֶע בֶּערְג [הָרִים], אוֹיבּ זֵיי דַארְפְן מִתְפַּלֵל זַיין [יְרַנֵּנוּ], צוּזַאמֶען מִיט אַ מַאֲמָר [יַחַד], אָדֶער נִישְׁט.

**דָאס** אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק:

'בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ יְיָ' וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט כֹּחַ אוּן אַ קוֹל, 'יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ' אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אַ דוּנֶער וָואס קְלַאפְּט אָן אִינֶעם מֹחַ 'תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ' אוּן גְרָאדְט אוֹיס דָאס הַארְץ, 'נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ כָף' אוּן מֶען וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה, 'יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ' בִּיז צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס קֶענֶען וִויסְן וואוּ דִי גְזֵירָה הַאלְט אוּן צִי מֶען דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין אוּן דַאוֶוענֶען אוֹיף דִי גְזֵירָה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, צוּזַאמֶען מִיט אַ מַאֲמָר.

# מהדורת וועבערמאן

הספר הקדוש הזה נדפס על ידי

מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו

וזוגתו **בילא שיינדל** תחי'

לעילוי נשמת אביהם

## מנחם מענדל בן יהושע

עליו השלום

נלב"ע כ"ד תשרי תשפ"ה

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון.

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664